שלום קאָן מען דערגרייכן דורך אַ שטופנווייזן פּראָצעס און נישט דורך אַ באַלדיקן, קאָנקרעטן אָפּמאַך.

---

אַנגעקומען אין רעדאַקציע

**חיים מאַלטינסקי**

## „מיין מאַמעס אַנבליק"

176 זייטן. דאָס בוך פאַרמאָגט פונקט אַזוי פיל לידער, וועלכע זענען איינגעטיילט אין 9 קאַפּיטלעך.

חיים מאַלטינסקי געהערט צו דער שרייבער־גרופּע, וואָס האָט עולה געווען פון רוסלאַנד.

מיר ברענגען דאָ אַ ליד, וועלכע קאָן דינען ווי אַ קווערשניט נישט נאָר פון אַ בוך, נאָר פון אַ מענטשנס לעבן.

## מיקאָלע, דער שכן מיינער

דער גאָלדענער שכן מיינער מיקאָלע\
וואָלט כאָטש מיין קינד פאַרהיט,\
מיין זונעלע וואָלט מיר איצט העלפן\
די רימענדלעך פון מיין לעדערנעם פוס צו פאַרציען,\
ער וואָלט געשריען צו מיר:\
— טאַטע. איך גיי. איך גיי מיט דיר מיט. —\
און ס'וואָלטן די אייגעלעך זיינע\
מיט שמחה פול גליען.

אויף דער גאַס וואָלט איך מיך אַ קאַפּעלע\
אָנשפּאַרן אויף מיין זונעלעם האַנט,\
ווי ער וואָלט עס מיט זיין פאָטער שטאָלצירן:\
„אַהאַ, מיין טאַטע האָט באַשיצט דאָס לאַנד\
און זאָלן סאַשקע און פעדקע קראַפּירן...\
האָט דאָך אָבער מיין שכן מיקאָלע\
קיין צייט ניט געהאַט...\
ער האָט דאָך געדאַרפט מיט די דייטשן\
טרינקען און זויפן.\
הינק איך אום איצט אַליין, נע־ונד\
איבער הרובע הויפן.

באַגעגנט אַ ייִנגעלע מיך,\
זיין בליק מיך מיט אַפשיי באַגלייט,\
ווי איך פויזע און קריך\
אויף קאַראַטשקעס.\
און אַ צווייט קינד ציילט אויף מיין ברוסט\
די באַגילדעטע צאַצקעס...

ק. געטלער

# "SERPENT'S EGG"

דירעקטאָר: **אַינגמאַר בערגמאַן**

אַרטיסטן: **ליוו אומאַן, דאַוויד קאַראַדין**

איך האָב נישט געגלויבט, אַז בערגמאַן קען אוועקגיין פון זיין סטיל, פול מיט פּאָעזיע און מיסטעריעזער סימבאָליק, און זיין דערפאָלגרייך, ווי ער איז אין זיין נייעם פילם "SERPENT'S EGG" אַ דורכאויס רעאַליסטישער פילם. און ווייל ער איז אַזוי רעאַליסטיש, איז ער אַזוי האָפּנונגסלאָז. ווייזט זיך ארויס, אַז ביי אַ גרויסן קינסטלער זענען די אויסדרוקס־מיטלען נישט קיין באַגרענעצונג.

ער פּרובירט אונדז צו ווייזן דעם בראשית פון נאַציזם. פון וואַנען איז געקומען די אויסטערלישע דערשיינונג, ווען כמעט אַ גאַנץ פאָלק האָט געקאָנט אַוועקוואַרפן אַלע מאָראַלישע ווערטן?

בערלין 1923. דער דייטשער מאַרק איז ווערטלאָז. די אַרבעטסלאָזיקייט איז מוראדיק גרויס. טויזנטער און טויזנטער מענטשן דרייען זיך ארום אויף די גאַסן הונגעריק און צוועקלאָז.

אַן אמעריקאַנער יידישער בחור — אַבעל (דאַוויד קאַראַדין) קומט מיט זיין ברודער און זיין פרוי קיין בערלין. זיי דאַרפן געבן עטלעכע צירק פאָרשטעלונגען.

אין יענער צייט, האָבן אין דייטשלאַנד עקזיסטירט פאַרשידענע גרופּן, וואָס האָבן פּרובירט צו געפינען פאַר די מענטשן אַ האָפענונג. אין דער האָפּנונגסלאָזער סיטואַציע האָבן אויך פאַרשידענע פינצטערע עלעמענטן פּרובירט אויסצונוצן דעם מאָמענט פאַר זייערע צוועקן. צווישן זיי פונקציאָנירט אין בערלין אַ געהיימע „וויסנשאַפטלעכע" אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט מאַכן עקספּערימענטן אויף מענטשן. זיי ווילן דערגיין ווי שטאַרק איז דעם מענטשנס אויסהאַלטעוודיקייט? ווו איז די גרענעץ ווען אַ מענטש ברעכט זיך איין? ווי אַזוי קען מען מאַניפּולירן די מענטשלעכע עמאָציעס פאַר אַ „העכערן" ציל?

דער פילם הויבט זיך אָן, ווי אַבעל געפינט זיין ברודער אַ טויטן, אַלס רעזולטאַט פון זעלבסטמאָרד. עטלעכע טעג שפּעטער געפינט ער אויך זיין ברודערס פרוי (ליוו אולמאַן) אַ טויטע, אויפן זעלבן אופן. די צוויי זעלבסטמאָרדן זענען אַ רעזולטאַט פון די אויבנדערמאָנטע עקספּערימענטן. אַבעל וויל געפינען די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „וויסנשאַפטלעכער" אינסטיטוציע. ער געפינט אויס, אַז אַ באַקאַנטער פון זיינע קינדער־יאָרן איז אַ דאָקטאָר אין דער אויבנדערמאָנטער אינסטיטוציע. ענדלעך געפינט ער אים. עס אַנטוויקלט זיך צווישן זיי אַ שוידערלעכער געשפּרעך:

— „דו מוזט פאַרשטיין" זאָגט צו אים דער דאָקטאָר, „אַז היינט זענען אונדזערע עקספּערימענטן פאַרבאָטן, אָבער די קינדער, וועלכע זענען היינט פינף יאָר אַלט, וועלן אין צען יאָר ארום זיין פופצן; די, וועלכע זענען היינט פופצן, וועלן דאַן זיין פינף־און־צוואַנציק. זיי וועלן מיטנעמען מיט זיך די פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג פון זייערע עלטערן. זיי וועלן פאַרשטיין, אַז די מינדערווערטיקע האָבן נישט קיין אָרט אין אונדזער געזעלשאַפט. מיר דאַרפן נאָר פאַרטאָפּלען די, וואָס קענען אונדז ברענגען נוצן. די שוואַכע רעגירונג פון דער ווײַמאַרער רעפּובליק וועט אפשר קאָנפיסקירן אונדזערע פאָרשונגען, אָבער די צוקונפטיקע דייטשע געזעלשאַפט וועט דאָס אויסנוצן, און עס באַנוצן מיט דערפאָלג".

די איראָניע האָט געוואָלט, אַז צוליב געוויסע סיבות (אויף וועלכע איך וויל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן) פאַרענדיקט דער דאָקטאָר מיט זעלבסטמאָרד, פּונקט אין טאָג פון היטלערס נישט געלונגענעם פוטש אין מינכען.

אַבעל, אַ פאַרצווייפלטער, פאַלט אריין אין א קירכע, ווו ער בעט זיך ביים גלח, ער זאָל פאַר אים זאָגן א תפילה צו גאָט. „יאָ, איך וועל זאָגן" ענטפערט אים דער גלח, „אָבער איך צווייפל צי ער וועט דאָס דערהערן. דער דיסטאַנץ איז צו גרויס ,מיר זענען ווייט אַוועק פון אים".

אַ צווייטע סצענע, וואָס מיר יידן, קענען עס זייער גוט: אַ גרופּע נאָר וואָס געשאַפענע ס.ס.־לייט כאַפּן אַ ייד. צוערשט, מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט נעמען זיי אַראָפּ פון אים די ברילן, לייגן זיי אריין צו אים אין טאַש, און ערשט דעמאָלט צעשלאָגט מען אים ביז בלוט.

מען דאַרף געדענקען, אַז בערגמאַן האָט געמאַכט דעם פילם אין דייטשלאַנד.

איך בין ארויס פון דעם פילם אַ דערשלאָגענער. דער פאַקט פאַרבלייבט, אַז ווען ביי א פאָלק איז די נשמה אונטערגעאָרדנט מאַכט־אונטערטעניקייט, ווערט מאָראַל איבעריק.

ליוו אולמאַן און דאַוויד קאַראַדין מאַכן דעם פילם אומפאַרגעסלעך. צוויי גרויסע, אינטעליגענטע אַקטיאָרן. מיט אַ יאָר צוריק, האָב איך געהערט, אַז ליוו אולמאַן וועט שפּילן אין דעם דאָזיקן פילם די ראָל פון דער פּראָסטיטוטקע. קענענדיק זי, האָט זיך מיר נישט געגלויבט, אַז זי וועט דאָס קענען אויספירן. ווייזט אויס, אַז אינגמאַר בערגמאַן קען זי בעסער.

צום סוף וויל איך איבערגעבן אַ פּאָר ווערטער, וואָס בערגמאַן האָט געזאָגט וועגן דעם פילם:

„עס איז אַ פילם וועגן קוקן פון אַ צווייטער זייט. ווען נאַציזם האָט געקעמפט פאַר מאַכט, האָבן מענטשן פּרובירט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער קאַטאַסטראָפע פון מאָרגן. עס איז אַ פילם וועגן גוטע מענטשן, וואָס קאָנען, בשעת דערפילן זייערע סאָציאַלע פליכטן, הרגענען מיליאָנען, זייענדיק איבערצייגט, אַז זייער אַקט איז נאָר אַ פליכט".

רחל בעקער

# „מענטשן קאָנען לעבן"

(הומאָרעסקע)

ווער זאָגט, אַז בכדאי לעבן אַזוי ווי אין אייראָפּע דאַרף מען פאָרן אהין? מיין באַקאַנטע די פרוי גאָלד (זי הייסט גאָלד און איז מיט גאָלד צוגלייך) „לעבט זיך אויס" אין מעלבורן „אַ לאַ, אייראָפּע". עס איז — זאָגט זי — באַקוועם און עס קאָסט ביליק.

ווי אַזוי איך מאַך עס? קודם־כל קום איך יעדן טאָג אין דער „סיטי"; גיט עס מיר שוין דאָס געפיל פון אַ שטאָט, עלעהיי פּאַריז! מיט וואָס איז מעלבורן ערגער פון פּאַריז אָדער לאָנדאָן?

שיינע „שאָפּס"! א סך מענטשן! אַ ריזיקע באַוועגונג! לאַנגע רייען נאָך בילעטן פאַר די קינאָס, וואָס נאָך ווילסטו? וואָס אַ שטייגער זעסטו מער אין די לאָנדאָנס אָדער אין די פּאַריזן? די טישלעך שטייען אין פּאַריז אויף די טראָטואַרן ביי די קאַפעס — איז דאָס שוין דאָס גליק? ס'רוב שטייען זיי, די טישלעך ווי פאַרשעמטע, קיינער זיצט שוין עפּעס היינט נישט ארום זיי, און, אַז עמיצער זיצט שוין יאָ, זענען עס אויך בלויז מענטשן פון מיטעלן עלטער. עס האָט נישט דעם רייץ, וואָס עס האָט געהאַט פאַר מיר מיט 30 יאָר צוריק!

וואָס טוסטו יעדן טאָג אין דער „סיטי" — פרעג איך זי — מאַכסט „ווינדאָ־שאָפּינג"? צי קויפסטו דיר אַזוי פיל, ספּעציעל נאָך „קריסטמעס", ווען עס זענען די „סיילס"?

— ניין — זאָגט זי — כ'גיי יעדן טאָג אויף „לאַנטש" אין סאַוטהערן־קראָס האָטעל. דערהערט אַזאַ מין זאַך, האָב איך זיך שנעל געוואָלט געזעגענען. איך קען מיר דאָס נישט פאַרגינען. אָבער זי האַלט מיך איין און לייגט מיר פאָר אהין „ארויסצונעמען".

מיר זעצן זיך אין דעם עלעגאַנטן לאַנטש־רום ביי אַ טישל, איך הויב אָן באַקומען דעם „מעניו", ערשט מיין מרס. גאָלד נעמט ארויס פונעם בייטל אַ קאָכעדיק טאָרבעלע מיט „דים־סימס". זי רייסט עס אויף און עס זעצט דערפון אַ פּאַרע ווי פון אַ קוימען. דער געשמאַק דערפון צעגייט זיך איבערן „סאַוטהערן־קראָס האָטעל" (דים־סימס האָבן אַ טבע, אַז זיי שמעקן...) יעדער קוקט זיך ארום, פון וואַנען דער ריח און די פּאַרע. מיין מרס. גאָלד כאַפּט אַ „דים־סים" צום מויל און בריט זיך אָפּ די פינגער און מיר שטופּט זי אַ צווייטעס. אַזוי האָבן מיר פאַרטיק געמאַכט אַ „דאַזן" דים־סימס אין צווייען.

איר מאַן, מר. גאָלד, איז זייער אַן עלעגאַנטער מאַן. אַ הויכער, אַ שטאַלטנער, אַז מען קוקט אויף אים מוז מען טראַכטן, אַז ער איז אַ מאָלער... אַן אַרטיסט... אַ סקולפּטאָר... מינדעסטנס אַ שרייבער... ער האַלט אונדז געזעלשאַפט מיט אַ גלאָז ביר. און מיטן ביר אין האַנט קלערט ער מיר אויף, ווי אַזוי מען קאָן לעבן אין מעלבורן אייראָפּעיש און מען מוז זיך נישט שלעפּן מיט די עראָפּלאַנען. מען מוז זיך נישט איינפּאַקן און אויספּאַקן. האַלטן דאָס געלט אין די „טרעוול־טשעקס" אין אַ פּאַסיק אויפן בויך; אַדורכגיין די אַלע קאָנטראָלעס. ערשט דאַן דאָס קויפן די פּרעזענטער! און דאָס ציטערן, צי יענער איז דערפון צופרידן; און דאָס וועגן און מעסטן — ווען מען געבן דעם טייערן, און ווען מען דעם ביליקערן. ס'רוב גיט מען דעם טייערן פּרעזענט — דעם רייכערן... און דער עיקר, דאָ קאָסט עס ביליקער.

הייסן, הייסט עס, אַז מיר „גייען ארויס" יעדן טאָג, פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין גרעסטן האָטעל, באַגעגענען זיך דאָרט מיט מענטשן פון אַלע שיכטן, „לעבן זיך אויס אייראָפּעיש" און עס קאָסט שפּאָט ביליק. סך־הכל א „באָטל" ביר און אַ „דאַזן דים־סימס".

---

**נייע ביכער אין דער „קדימה"־ביבליאָטעק אָנגעקומען פון ישראל:**

משה נאַדיר — נאַדיריזמען / רחל בוימוואָל — אַ מאָל איז געווען אַ העלפאַנד... / זלמן שזר — אָפּשאַצונגען און עסייען / א. קאַרפּינאָוויטש — אַ טאָג פון מלחמה / ירושלים אין יידישן ליד / ס. גאָלדמאַן — אין גאַנג מיט דער צייט / לייב טרעפּער — די רויטע קאַפּעלע / מענדל מאַן — פון גולן ביז שאַרם א־שייך / משה בראָדערזאָן — דאָס לעצטע ליד / ב. עפּשטיין — די זון איז פאַרגאַנגען אין דרום / יוסף פּאַפּיערניקאָוו — פון אַלץ צו ביסלעך / יוסף ארליך — וואָלבראָם.

---

סטראַליע איז פאַר די אַרטיסטן פּלאַנירט 2 אויפטריטן אין סידנעי, איינעם סערפערס־פּאַראַדייס, אַ עברית־קאָנצערט אין מעלבורן און אַ לעקציע פאַר די סטודענטן אין מאָנאַש־אוניווערסיטעט אין ענגליש, וועגן מצב פון יידישן און העברעישן טעאַטער אין ישראל.

אין סך־הכל: די גאַסט־שפּילן פון לאה שלאַנגער און שמואל עצמון זענען אַ קולטור יום־טוב. קיין בעסערן צוקלויב האָט די „קדימה" צוזאַמען מיטן דוד הערמאַן־טעאַטער נישט געקאָנט מאַכן, פאַר וועלכן זיי דאַרפן באַגריסט און אַפּלאָדירט ווערן.

אַ שאָד בלויז, וואָס דער יידישער טעאַטער־באַזוכער האָט לעצטנס אַזוי מורא פאַר „גייסטיקע קאַלאָריעס" און געפינט זיך אויף אַ שטרענגען „קולטור־דיעטע".

רוטעלעס

# גרויסער קולטור יום־טוב אין היגן ישוב

(צום באַזוך פון לאה שלאַנגער און שמואל עצמון)

יאָר איין, יאָר אויס ברענגט די „קדימה" צוזאַמען מיטן דוד הערמאַן־טעאַטער אַראָפּ פון אויסלאַנד א חוץ לעקטאָרן און פילמען, אויך אַרטיסטן, רעזשיסערן, זינגער אָדער פאַרווײלער („אינטערטײנערס").

היי־יאָר זענען פון ישראל פאַרבעטן געוואָרן אין אַ „פעקעדזשדיל" די צוויי בינע־קינסטלער לאה שלאַנגער און שמואל עצמון, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ ביז גאָר פעיקע אַקטריסע־זינגערין און אַן ערשטקלאַסיקן אַרטיסט־רעזשיסער.

לויטן אָפּמאַך, האָבן ביידע ארטיסטן זיך פארפליכטעט איינצואָרדנען אַ קאָנצערט אין די ראַמען פון די 30 יאָר מדינת ישראל פײערונגען און 2 פאָרשטעלונגען. איינעם צוזאַמען מיטן דוד הערמאַן טעאַטער.

כדי צו ברעכן דעם טראַפּאַרעטן גאַנג פון די לעצטנס פאָרגעקומענע קאָנצערטן, באַשליסן די געסט אָנצוהויבן זייערע גאַסטשפּילן מיט לעאָן דע הארטאג׳ס איראָפּעישער צוויי פערזאָניקער קאָמעדיע „דאָס הימל־בעט". סיי די פּיעסע און סיי דער אייגנאַרטיקער אופן פון דער שפּיל האָט ארײנגעבלאָזן אַ ניי־פריש ווינטל, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט געפילט אויף דער „קדמה"־בינע.

אין זיין אָפּשאַצונג וועגן דער פאָרשטעלונג, שרייבט י. מ. לעווין צווישן אַנדערע:

..."אין פאַרלויף פון צוויי און אַ האַלבער שעה שוועבן פארביי פאַר די אויגן פון פּובליקום לאַנג פאַרשווונדענע עפּיזאָדן פון דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, ברעקלעך און פּיצלעך פון לאַנג פאַרגעסענע געשעענישן ווערן ווידער ארויסגערופן צום אילוזאָרישן „טעאַטראַלן" לעבן מיט דער פולער קראַפט פון דער גרויסער שוישפּילערישער געניטשאַפט פון לאה שלאַנגער און שמואל עצמון".

„דאָס הימל־בעט" ווערט געשפּילט 3 מאָל. נאָכדעם קומט די ריי פארן פייערלעכן קאָנצערט „ס׳האָט אונדזער לאַנד געבורטסטאָג". דאָ האָבן שוין ביידע קינסטלער די מעגלעכקייט „פונאַנדערצונעמען די הענט" און „באַווייזן וואָס זיי קענען" אין רעציטאַציעס, מאָנאָלאָגן, סאָלאָ־געזאַנגען, דועטן, הומאָר און סאַטירע.

דער פּראָגראַם איז צונויפגעשטעלט מיט ליבע און פּיעטעט צום יידישן וואָרט. ארויסגענומען דאָס שענסטע און בעסטע פון אונדזער אַלטן און נייעם אוצר. אַלע נומערן זענען געבונדן מיט ספּעציעל פאַר דעם אָנגעשריבענע בינד־ווערטער און דאָס גיט די אילוזיע, אז דו זיצסט נישט אויף אַ קאָנצערט, נאָר אויף אַ העכסט־קינסטלערישער פאָרשטעלונג. אויב מען האָט וועגן „הימל־בעט" געקאָנט זאָגן, אַז עס איז געווען אַ פאָרשטעלונג — אַ קאָנצערט,


לאה שלאַנגער


שמואל עצמון

קאָן מען וועגן „ס׳האָט אונדזער לאַנד געבורטסטאָג" זאָגן: אַ קאָנצערט — אַ פאָרשטעלונג!

אין זיין אָפּשאַצונג שרייבט י. טאוב:

..."אין אַ קאַליידאָסקאָפּ פון פארשיידענע שאַפונגען אין קאָלירפולן פּראָגראַם ברענגען די אויסערגעווײנלעך־טאַלענטירטע אַרטיסטן לאה שלאַנגער און שמואל עצמון אַרויס אַ מוסטערהאַפטן קאָנצערט אין וואָרט און אין געזאַנג, וואָס איז נישט בלויז קלאַסיש אין דער אויספירונג, נאָר פאַרווײלט דעם עולם־צושויערס און פאַרשאַפט זיי דעם גרעסטן קינסטלערישן געווס".

באַלד ביים אָנקומען אין מעלבורן, האָבן זיך די געסט־ארטיסטן ארײנגעוואָרפן אין דער גרויסער אינטענסיווער און שווערער אַרבעט ביים צוגרייטן ש. אַש׳ס „מאָטקע גנב" צוזאַמען מיטן דוד הערמאַן־טעאַטער; שמואל עמצון האָט מיטגעברענגט אַ נייע מוזיקאַלישע באַאַרבעטונג פון דער קלאַסישער דראַמע.

די פייערלעכע פּרעמיערע דאַרף בקרוב פאָרקומען און ס׳איז פאָרויסצוזען, אז יידיש־מעלבורן וועט הנאה האָבן פון א קינסטלערישער פאָרשטעלונג; די רעזשי ליגט אין די געניטע הענט פון שמואל עצמון, וועלכער וועט שפּילן די ראָל פון מאָטקען. לאה שלאַנגער וועט זיך באַווייזן מיט איר שפּיל און געזאַנג אין מערין. די אַנדערע טיפּן און כאַראַקטערן פון דער פּיעסע וועלן אויספירן די אַרטיסטן פון דוד הערמאַן־טעאַטער און יוגנט־טרופּע. ספּעציעלע סטיליזירטע דעקאָראַציעס זענען פּראָיעקטירט פון אהרן גורוויטש און פאַרן מוזיקאַלישן טייל זאָרגט נחמה פאַטקין.

פאַר דער צייט פון זייער אויפהאַלטן זיך אין אוי־

הערשל לוסטיק

(שילער פון 9טן קלאַס ש״ע־שול)

# אַ מתנה צו מיין בר־מצוה

ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון מיין בר־מצוה האָבן מיינע עלטערן מיר צוגעזאָגט אַ ספּעציעלע מתנה צו דער געלעגנהייט.

איך האָב נישט באַדאַרפט לאַנג וואַרטן. דריי חדשים שפּעטער, דעם 27.3.77 האָב איך צוזאַמען מיט מיינע עלטערן זיך געאיילט צום פלי־פּלאַץ. פּונקט צו דער מינוט האָט אונדזער דער מעכטיקער, שטאָלענער פויגל „פּאַן אַם 747״ מיט רויש אויפגעהויבן אין דער לופט, און אַוועקגעפלויגן צו אַן אַנדער קאָנטינענט. דאָרט האָבן אויף אונדז געוואַרט קרובים, פריינד, באַקאַנטע, וועלכע איך האָב געקענט בלויז דורך בריוו.

די שטאָט ניו־יאָרק האָט מיך צעטומלט מיט איר רויש פון די טעקסיס און מיטן איילן זיך פון אַ ים מיט מענטשן; איך האָב זיך געפילט אַזוי קליין צווישן די וואָלקן־קראַצערס; באַוווּנדערט די באַנען, וואָס לויפן דורך די „סאַבוויס״. נאָך 5 טעג האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אונדזערע קרובים און זיך ווידער געאיילט צום ניו־יאָרקער פלי־פּלאַץ.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך געוואַרט, אַז דער מעכטיקער „אל־על״ זאָל מיך ברענגען אין דעם לאַנד פון וועלכן עס האָבן געטרוימט מיינע זיידעס און האָבן נישט געקאָנט פאַרווירקלעכן זייער טרוים. אין דעם לאַנד פון מילך און האָניק. אין דעם יונגן לאַנד פון אַלטע דורות... ווען איך האָב דערזען פון דער הויך דורכן פענצטער די ערשטע קאָנטורן פון די עטוואָס גרינע פעלדער און עס האָבן זיך צעגאָסן אין עראָפּלאַן די זיסע קלאַנגען פון דעם באַקאַנטן ליד „האבינו שלום עליכם״ האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע וואַרעמקייט. אַזאַ געפיל האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. איך האָב געוואַרט אויף דער גליקלעכער מונוט, אַרויסלויפן פון עראָפּלאַן און דערפילן אונטער מיינע פיס די ערד, די ערד פון יידישן לאַנד, ישראל.

פון בידע זייטן וועג, וועלכער האָט געפירט פון פלי־פּלאַץ קיין תל־אביב, האָבן זיך געצויגן גרינע, בליענדיקעביימער, וועלכע האָבן צעשפּרייט דעם זיסן ריח פון אָראַנזשן. די בלוי־ווייסע פאָנען האָבן אונטערגעשטראָכן די ווירקלעכקייט, און אין מיין מוח האָט געקלאַפּט: דאָס איז ישראל; דאָס איז ישראל.

נאָך דער וואַרעמער באַגעגעניש מיט די קרובים אין בת־ים, האָבן מיר שפּאַצירט איבער די גאַסן פון תל־אביב. מיר זענען געפאָרן יעדן טאָג באַזוכן פאַרשידענע היסטאָרישע ערטער. איך האָב אריינגעקוקט אין די אויגן פון נישט באַקאַנטע מיידלעך און יינגלעך, בלאָנדע, שוואַרצע, און זיי אַלע, זענען מיר געווען אַזוי נאָענט און איך האָב אָן אויפהערן איבערגעחזרט: דאָס זענען יידן. דאָס זענען יידן. יידישע פאַרקויפערס אין די געשעפטן; יידישע שאָפערן אין אויטאָבוסן און טעקסיס, יידישע פּאָליס־מיידלעך. איך האָב אָפט געזען די יונגע זעלנער שטייען אין די גאַסן, וואַרטן אויף אַ „ליפט״ צו פאָרן אַ היים אויף שבת. איך האָב געטראָפן זעלנער אין די באַסן. זעענדיק זיי, האָב איך זיך געפילט זיכער אין לאַנד.

כאָטש דאָס לאַנד איז קליין פאַרמאָגט עס זייער אַ סך אינטערעסאַנטע היסטאָרישע ערטער. איך האָב באַזוכט אַ סך פון זיי, דאָס האָט מיר געהאָלפן בעסער צו פאַרשטיין די יידישע געשיכטע. די זאַמדן און די שטיינער פאַרשווינדן און עס בויען זיך נייע קיבוצים אויף גרינע פעלדער. איך האָב באַזוכט איניקע פון זיי.איך האָב זיך געבאָדן אין ים־המלח. אַזאַ ווונדער איז נאָר פאַראַן ביי אונדז, אין ישראל.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אָוונט פאַר יום־העצמאות — די קאָלירטע באַלויכטענע באַלקאָנען; די דרייסטע ,זינגענדיקע אויף אַ גאַנצן קול· יונגע טאַטעס מיט זייערע קינדער אויף די אַקסלען; די קינדער האָבן געלאַכט און געקלאַפּט צום טאַקט פון דער מוזיק; אין אַלע גאַסן האָבן געטאַנצט יונגע און אַלטע; פייערווערק האָבן זיך צעגאָסן אין דער לופט, נאָך מער יום־טובדיק געמאַכט דעם אַרום. אַלע האָבן אויפן קול פריי געלאַכט, גערעדט און האָבן זיך געפילט גליקלעך אין דעם יום־טוב.

אין בין אויך פאַרבייגעגאַנגען די מאָנומענטן, וועלכע איך האָב געטראָפן נישט ווייניק. מיטן טיפן טרויער אין האַרצן האָב איך געלייענט די נעמען פון די יונג־געפאַלענע פאַר פאַרטיידיקן דאָס לאַנד.

ווען איך בין שוין געווען אין עראָפּלאַן אויפן וועג קיין אויסטראַליע האָב איך געפילט, אַז עס פעלט מיר עפּעס; ווי איך וואָלט עפּעס איבערגעלאָזט אין ישראל. יאָ, כ׳האָב איבערגעלאָזט מיינע נייע פריינד, באַקאַנטע.

איך בין אַוועקגעפאָרן מיט די וואַרעמסטע געפילן צום לאַנד. איך בין מקנא געווען מיין פריינד פּאָל ראָקאַיאַק, וועלכער איז שוין 3 יאָר אין ישראל; דעם באַוווּסטן אַרטיסט יורם גאון פונעם פילם „קאַסאַבלאַן״, מיט וועלכן כ׳האָב זיך געטראָפן אין קיבוץ „אילת השחר״. איך בין זיי מקנא געווען, וואָס זיי זענען שוין זעלבשטענדיק, און איך האָב באַשטימט, ווי נאָר איך וועל ענדיקן מיין לערע, קומען קיין ישראל, העלפן שאַפן און געניסן פון דעם אינטערעסאַנטן לאַנד.

איך בין געווען זייער דאַנקבאַר מיינע עלטערן פאַר געבן מיר די מעגלעכקייט באַזוכן דאָס לאַנד. דאָס איז געווען די בעסטע מתנה צו מיין בר־מצוה.

# אין „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" פון וויקטאָריע

די אָרגאַניזירטע רעפּרעזענטאַנץ פון אונדזער ישוב — איז דער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס". אין אים זענען פאַרטראָטן: אָרגאַניזאַציעס; לאַנדסמאַנשאַפטן; קולטור־אינסטיטוציעס; פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס: שולן; בתי־מדרשים; סינאַגאָגעס; „בני־ברית"; יידישע סטודענטן; יידישע קאָמבאַטאַנטן.

דער „באָאַרד" (ווי מען רופט אים געוויינטלעך) ווערט אָנגעפירט פון אַן עקזעקוטיוו, וועלכע ווערט צענויפגעשטעלט פון אַ געוויילטן פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט, סעקרעטאַר און קאַסיר, ווי אויך אַ פאָרזיצער — וועלכער פירט אָן מיט די פאַרזאַמלונגען פון „באָאַרד". אין עקזעקוטיוו גייען אויך אריין די פאָרזיצערס פון די קאָמיסיעס.

פאַרשטענדלעך — די יורידישע געשטאַלטונג פון „באָאַרד" איז פאַרפיקסירט אין אַ קאָנסטיטוציע — און דאָ הייבן זיך אָן די צרות.

די הויפּט־צרה איז די — וואָס אין דער אָנפירערשאַפט פון „באָאַרד" שטייען דאָס רוב אַדוואָקאַטן. נאָך לאַנגיאָריקע קאַמפן איז די אָנפירערשאַפט מסכים געווען, אַז אַ טייל דעלעגאַטן זאָלן געוויילט ווערן אין דירעקטע וואַלן. (אָנשטאָט נאָמינירט ווערן דורך זייערע אָרגאַניזאַציעס) די וואַל־אָרדינאַציע פון „באָאַרד" איז דאַן געוואָרן איינע פון די קאָמפּליצירטסטע, וועלכע מען קאָן זיך בלויז פאַרשטעלן. אָבער אויך די — האָט מען ביי יעדער געלעגנהייט געענדערט, און סוף־כל־סוף אָפּגעשאַפן.

לעצטנס — אין אַ נאָווינע — האָט מען ווידער געענדערט די דאָזיקע קאָנסטיטוציע.

כדי מיר, יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָבן אַן אינטערעס אין „באָאַרד" און שיקן אהין אונדזערע פאָרשטייער זאָלן פונדעסטוועגן דערגיין אַ שטיקל טאָלק ווו מען האַלט אין דער וועלט, האָבן מיר זיך געווענדן צו איינעם פון אונדזערע „קדימה"־פאָרשטייער אין „באָאַרד" — דעם יונגן אַדוואָקאַט שמחה סוכאָוואָלסקי, וועלכער איז אגב געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמיסיע, וועלכע האָט די ענדערונגען צוגעגרייט און רעקאָמענדירט—ער זאָל אונדז דערקלערט דעם שכל פון די נייע ענדערונגען — וועלכע זענען שוין באַשטעטיקט געוואָרן.

**פּ:** קענט איר אונדז אפשר זאָגן: צום וויפלטן מאָל ענדערט מען שוין די קאָנסטיטוציע?

**ע:** צענדליקער מאָל. מיטן אויסנאַם אָבער פון אָפּשאַפן דירעקטע וואַלן, איז עס די ערשטע ראַדיקאַלע ענדערונג.

**פּ:** ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע פון צוגרייטן די ענדערונגען, קענט איר אונדז אינפאָרמירן, וואָס זענט איר אויסנגעוועזן דערמיט?

**ע:** דער הויפּט־ציל פון אריינפירן ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע האָט די אויפגאַבע פון שאַפן אַזאַ עקזעקוטיוו, ווו עס זאָלן פאַקטיש זיין פאַרטראָטן אַלע סעקטאָרן פון אונדזער ישוב. דערביי האָבן מיר געהאַט אין זינען אָפּצושאַפן קאָמיסיעס, וועלכע האָבן פארלוירן זייער פּראַקטישן נוצן — און שאַפן אַזעלכע קאָמיסיעס, וועלכע אַנטשפּרעכן די אויפגאַבן פון „באָאַרד", ביים היינטיקן טאָג. למשל: ראַדיאָ־אוידיציעס זענען געוואָרן אַ נייער געביט אין אונדזער קהילה־לעבן איז נויטיק אַ ראַדיאָ־קאָמיסיע.

**פּ:** אין וואָס באַשטייען די קאָנקרעטע ענדערונגען?

**ע:** אויפן אָרט פון פאָרזיצערס פון פאַרשידענע קאָמיסיעס, וועלן איצט אריין אין עקזעקוטיוו די פאָרזיצערס פון די דאַך־אינסטיטוציעס: דער פּרעזידענט פון ציוניסטישן ראַט אין וויקטאָריע; די פאָרזיצערס פון ראַט פון אָרטאָדאָקסישע שולן און ליבעראַלע סינאַגאָגעס; דער פאָרזיצער פון לאַנד־ראַט פאַר יידישער קולטור; Victorian Social Services Council אויף אַזאַ אופן ווערן אָפּגעשאַפט קאָמיסיעס, וועלכע האָבן ניט פונקציאָנירט, אָבער זייערע פאָרזיצערס זענען געזעסן אין עקזעקוטיוו.

**פּ:** קענט איר אונדז ברענגען ביישפּילן?

**ע:** נעמט למשל: די ישראל־קאָמיסיע. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ קאָמיסיע פון 5 פּערזאָן האָט נישט געקאָנט טאָן אַן אַרבעט, וואָס עס טוט דערפאָלגרייך דער ציוניסטישער ראַט אין וויקטאָריע. אָנשטאָט אויסוויילן אַ פאָרזיצער פון אַזאַ קאָמיסיע, וועלכער זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך צום „באָאַרד" פאַר ישראל־פּראָבלעמען, ווערט אָפּיציעל אָנערקענט, אַז די עקזעקוטיווע קאָן נישט פונקציאָנירן אָן דער באַטייליקונג פון פּרעזידענט פון ציוניסטישן ראַט. דאָס זעלבע באַציט זיך אויך צו אַנדערע קאָמיסיעס.

**פּ:** איר האָט אָנגערופן, צווישן אַנדערע — דעם לאַנד־ראַט פאַר יידישער קולטור. אַזאַ קאָמיסיע האָט דאָך פריער נישט עקזיסטירט?

**ע:** אַזאַ קאָמיסיע איז טאַקע נישט געווען, ווייל יידישע קולטור־אַרבעט האָבן געפירט די „קדימה", די יידישע שולן; דוד הערמאַן־טעאַטער און אַנדערע. איצט זענען זיי געוואָרן מיטגלידער פון אַ לאַנד־ראַט פאַר יידישער קולטור.

**פּ:** דער „באָאַרד" איז תמיד געווען — מילד געזאָגט — נייטראַל אין פראַגן פון יידישער קולטור (אויף יידיש). ווי אַזוי זעט איר דאָס צוטיילן אַן אָרט אין עקזעקוטיוו פאַרן יידיש רעדנדיקן סעקטאָר?

**ע:** דאָס פאַרזיכערן אַן אָרט אין עקזעקוטיוו פון „באָאַרד" פאַרן יידישן קולטור־סעקטאָר, איז אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר דער וויכטיקער ראָל, וואָס דער סעקטאָר שפּילט אין אונדזער ישוב.

מיר דאַנקען דעם פר' סוכאָוואָלסקי פאַר דער פריינדלעכער אינפאָרמאַציע, און דריקן אויס דעם ווונטש — אַז דאָס זאָל זיין די לעצטע ענדערונג, כדי מען זאָל סוף־כל־סוף וויסן, ווו מען האַלט אין דער וועלט.

**א רעפּאָרטער**

י. אַרבאַך

# פּראָפ. לערמערס באַזוך אין מעלבורן

אין דער יידישער געשיכטע — ספּעציעל אין דער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, האָט די ליטעראַטור פון דער דאָזיקער תקופה אַ סך געווידמעט די ל"ו צדיקים, משולחים און הייליקע שניידערלעך־לעגענדעס. אין אַלע צייטן, אין יעדער תקופה באַזונדער — ביז אונדזער לעצטן גרויסן חורבן — ווען אומעט און יאוש האָבן אָנגעפּליט דאָס יידישע לעבן, האָבן זיך די לעגענדאַרע געשטאַלטן פון ל'וואָווניקעס, משולחים און הייליקע שניידערלעך באַוויזן אין די דמיונות פון די יידישע מאַסן, מיט זייער „נחמו, נחמו עמי", וועלכע האָבן געבראַכט טרייסט. אַ דאַנק די דאָזיקע טרייסט־ווערטער האָבן די דאָזיקע דורות אין זייערע ביטערסטע צייטן אריבערגעטראָגן די שווערע מאוימדיקע קלעפּ פון גורל און ווייטער געפּריידיקט דעם „והיה באחרית הימים אידעאַל", נישט בלויז פאר דעם יידישן פאָלק נאָר אויך פאר דער גאַנצער מענטשמייט.

אין דער שואה, ווען יאוש און רעזיגנאַציע האָט באַהערשט די יידישע מאַסן אין די געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן אונטערן שטיוול פון נאַציזם און סטאַליניזם, האָבן זיך אין די דמיונות פון די דאָזיקע יידישע מאַסן, באַוויזן אַ נייע לעגענדאַרע געשטאַלט, וועלכע האָט נישט געמוטיקט אָדער געפּריידיקט סתם פּוסטע טרייסט־ווערטער, נאָר אין שטילע ווייטיקלעכע טענער געפּליסטערט דעם הייליקן זאַץ: „יידן זייט זיך נישט מיאש"!!! און אַלס איינער פון די, וועלכע „זענען אין טרעבלינקע יאָ געווען" קען מיט דער פולער זיכערקייט זאָגן, אַז די דאָזיקע הייליקע ווערטער „זייט זיך נישט מיאש" האָבן אריינגעגעבן דעם טיפן גלויבן, אז מיר זענען דאָך אַלץ נישט די לעצטע יידן און, אַז מיר די איבערגעבליבענע פון חורבן וועלן נאָך אַלץ האָבן ענערגיע און כוח ממשיך צו זיין דעם קיום פון יידישן פאָלק.

די דאָזיקע געדאַנקען זענען מיר ארויפגעקומען בשעת איך בין געזעסן און זיך איינגעהערט צו די רעפעראַטן פון דעם קולטור־שליח פּראָפ. אַרטור לערמער. און איך קען זאָגן, אז די ערשטע לעקציע אונטערן נאָמען „ירידה פון דער מערב ציוויליזאַציע און טיילווייזע ירידה פון אונדזער יידישער ציוויליזאַציע" פאַרבינדן מיט דער צווייטער לעקציע „רעגנבויגן טעאָריע אין זין פון יידישן קיום" און דעם אויספיר פון דער 3־טער לעקציע „י. י. טרונקס נוסח פון פוילן של מעלה" באַהויכט מיט דעם וווּרקער נוסח — איז דער המשך פון דעם הייליקן אויסרוף: „יידן זייט זיך נישט מיאש" וואָס באַדייט, אז מיר זענען נאָך אַלץ בכוח אַנטקעגנצושטעלן זיך די יאוש־שטימונגען, וואָס האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַהערשט דאָס היינטיקע יידיש לעבן.

און נאָך עפּעס דאַרף מען אונטערשטרייכן אין דער קולטור־שליחות פון פריינד לערמער: עס איז פאַראַן אין דער יידישער מסורה, אַז אפילו א מלאך טוט נישט קיין צוויי שליחותן מיט אַמאָל. אונדזער טייערער און האַרציקער פאָלקס־ייד פּראָפעסאָר אַרטור לערמער, האָט אָבער באַוויזן, אַז בכדי צו געבן אַ תיקון זיין שליחות, וואָס ער איז געקומען אויספירן אין אונדזער ישוב האָט ער אויסגעפירט 2 שליחותן מיט אַמאָל, דאָס ערשטע פאַר די תינוקות של בית רבן, פאר די יידישע קינדער, פאר אונדזער המשך און קיום און דאָס צווייטע פאַר די אַלע יידן אין מעלבורן.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ בין איך נישט בכוח צו געבן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן די אַלע אָפּגעהאַלטענע טיפזיניקע רעפעראַטן. די קערנדיקע פאָלקסטימלעכע שיינע יידישע שפּראַך און סיי די קאָנצעפּציע פון אָפּשאַצן אַזוי קלאָר און שאַרף דאָס איצטיקע יידישע לבען אין דער גאָרער וועלט, האָבן געשאַפן אַזאַ מין גאַנצקייט, באַלייכטנדיק מיט אַ ספּעציעלן ליכט די וויכטיקע שליחות, וואָס פריינד לערמער האָט אין אונדזער ישוב דורכגעפירט, און עס איז געקומען צום אויסדרוק לויט די ווערטער פון אַ יידישן דיכטער, עזרא קאָרמאַן, וועלכער זאָגט אין זיין ליד „איך גלייב" אין דער לעצטער סטראָפע:

„עס מעג די צוקונפט זיין פאַרבאָרגן, צו איר באַשווערט דער דורות־דראַנג — ס'איז נישט פאַרמשכנט נאָך דער מאָרגן פאַר יידיש — אין דעם נצח גאַנג".

---

פון רייפע תבואה, ס'איז ערב שניט צייט. קיין סימן פון יענע געשיכטלעכע קאַמפן. די צייט האָט אַלץ פאַרווישט.

און רעדנדיק וועגן פויערנטום, איז כדי זיך אָפּצושטעלן אויף זייער אַ וויכטיקן אַספּעקט, וועגן פויער אין היינטצייטיקן פוילן. דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן!

מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, האָבן די ליבעראַלע כוחות אין 4־יאָריקן פּוילישן סיים זיך באַמיט צו לינדערן דעם מצב פון די פּויערים, אויב כאָטש זיי נישט געבן בירגערשאַפט, לכל הפּחות פאַרבעסערן זייער ביטערע דאָליע מיט אריינשטעלן אין דער 3־טע מאי קאָנסטיטוציע: שוץ פאַר די פּויערים.

און די דאָליע פון די פּויערים איז אין פיל הינזיכטן געווען די זעלבע ווי פון די יידן, געטראָטן אונטערן קנאַפּל פון פּריץ.

און וואָס האָט פּאַסירט? די יידן זענען פאַרשוווּנדן פון דער פּוילישער סצענע. אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, אזוי ווי זיי וואָלטן דאָ קיינמאָל נישט געלעבט, געשאַפן, געאַרבעט און איינגעוואָרצלט געווען אויף דער פּוילישער ערד כמעט אַ גאַנצן יאָרטויזנט.

ג. שאַיאַק

יידישע קינסטלער און פלאַסטיקער, שעפערישע גייסטער, וואָס זענען טראַגיש פאַרשניטן געוואָרן, און וועמענס געציילטע בילדער זענען אָפגעראַטעוועט געוואָרן. זייערע שאַפונגען זאָגן עדות, וועגן זייערע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

בילדער און רעליפן, וואָס שילדערן יידיש שטייגערלעבן, טיפּאַזשן פון יידישן שטעטל פון אונדזער גלאָררייכן און ברויזנדיקן נעכטן. דאָס אַלץ, וואָס איז אַוועק מיטן רויך און אין די גאַז־קאַמערן.

איך וואַנדער פון שטאָק צו שטאָק, פון זאַל צו זאַל. כ׳בין איינער אַליין, ווי אויף אַ פאַרלוירענעם אינדזל. און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז פון די ווענט קומען אַראָפּ די שאָטנס פון די געמאָלענע געשטאַלטן און באַגלייטן מיך — גייען מיר נאָך טריט ביי טריט און קלאָגן זיך פאַר מיר...

איך הער דעם אָפּקלאַנג פון מיינע אייגענע טריט. מיין אויג איז פאַרווירט און טרערן שטעלן זיך אין די אויגן־ווינקלען. ס׳האַרץ איז פאַרקלעמט. כ׳פיל זיך אומבאַהאָלפן, איינזאַם, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן און לינדערן די פיין.

כ׳וווּנדער זיך: צי קומט דאָ ווען עמיץ פון די וואַרשעווער יידן זיך מתיחד־זיין מיט די שאָטנס פון אונדזער נעכטן? צי קומען דאָ זייערע קינדער, אָדער די אנוסים־יידן, האָבן מורא צו אַנטפּלעקן צו זייערע קינדער זייער אמתן אָפּשטאַם?

די פראַגע פּיקט צודרינגלעך אין מוח. כ׳בין שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל אויף אַ באַזוך, און שטענדיק קומט מיר אויס צו זיין דער איינציקער באַזוכער. זאָל איך דאָס צושרייבן די הייסע זומער־טעג?

*

לאָזן מיר זיך ארויס אויסערן שטאָט אויפן וועג קיין קוזמיר. די פּוילישע וועגן זענען היינט שיין פונאַנדערגעבויט, מיט אַ נעץ פון גלאַטיק געפּלאַסטערטע שאָסייען און זענען איינגעטונקט אין אַ שפע פון גרינס פון ביידע זייטן.

כ׳דאַרף אויך צוגעבן, אַז איך פאָר אין דער געזעלשאַפט פון נישט־יידן, אַ פּוילישע ריכטערין פון וואַרשעווער קרייז־געריכט און איר טאָכטער, אַ סטודענטין פון יורי אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. די טאָכטער, טרייבט די שפּאָגל־נייע „סקאָדאַ", געבראַכט פון טשעכיע.

כ׳דערמאָן דעם פּרט, ווייל זייער געזעלשאַפט האָט אין אַ גרויסער מאָס דערמעגלעכט, אז מיין נסיעה זאָל אויספאַלן דערפאָלגרייך און זען אַלץ פון דער נאָענט.

מיר פאָרן ארויס פון נאָוואָטקי, וואָס איז אַ טייל פון דער אַמאָליקער נאַלעווקי גאַס. מיר פאָרן אין דער ריכטונג צו דער ווייסל און באַלד פאָרן מיר אריבער די דאַנציגער בריק, ׳סאַסקע קעמפּע׳ און איבער פּראַגע. פון דאָרט פאַרקירעוועט דער וועג, לענגאויס דער ווייסל, אַ פיל קילאָמעטערדיקער וואַלד, און באַלד זענען מיר אין מיעדזעשין. די קאַר לויפט און באַלד קומט אונדז אַקעגן דאָס שטעטל גאַרוואָלין.

מיר שטעלן זיך דאָ אָפּ אויף די פעלדער פון מאַציעיאָוויצע. אָט, דאָ, האָבן זיך אין חודש אָקטאָבער 1974, אָפּגעשפּילט בלוטיקע שלאַכטן, צווישן קאָשציושקאָ׳ס איינהייטן און די מאָסקאַלן.

אין דמיון טויכן אויף בלעטלעך פּוילישע געשיכטע, אין אַ פריערדיקע שלאַכט, אין ראַצלאַוויצע, האָבן קאָשציושקאָ׳ס ׳קאָשיענערן׳, אין אַפּריל דעם זעלבן יאָר, געשטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד יעקאַטערינעס אַרמייען און זיי באַזיגט.

דער ראַצלאַוויצער נצחון האָט אַ באַזונדער אָרט אין דער פּוילישער געשיכטע, אָבער ליידער, דאָ אויף די פעלדער ביים דאָרף מאַציעיאָוויצע, האָט קאָשציושקאָ געליטן אַ מפּלה און איז אַליין גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

אזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער גרויסער פּאַטריאָטישער געראַנגל פאַר פּוילנס פרייהייט ביים סוף פון 18־טן י״ה, און פאַרקנעכטעט פּוילן אויף 125 יאָר, אונטערן קנאַפּל פון רוסלאַנד.

מיר זענען דאָ נישט אויסן צו דערציילן געשיכטע, נאָר מאַכן אַן אָטעם־פּויזע און שפּעקולירן אויף אַ מאָמענט אין רעטראָספּעקט:

ווי וואָלט פּוילן אין יענע ווייטע יאָרן אויסגעזען, ווען די שלאַכט הינטער מאַציעיאָוויצע וואָלט נישט פאַרשפּילט געוואָרן? ווי וואָלט זיך געשטאַלטיקט דער פּאָליטישער מצב אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען דער פעאָדאַליזם אין אייראָפּע האָט געהאַלטן ביים איינברעכן זיך?

דער עיקר: צי וואָלט מקוים געוואָרן קאָשציושקאָ׳ס הבטחה צו די יידן, צו פאַרבעסערן זייער מצב און גאַראַנטירן זייער בירגער־רעכט?

ווייל אין אַלע זיינע דעקלאַראַציעס, האָט ער דעמאָלט דרייסט און אומצווייַדייטיק פּראָקלאַמירט דעמאָקראַטישע לאָזונגען, וואָס האָבן געקראָגן אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אויך ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן. די לאָזונג איז געווען — בירגער־רעכט און עמאַנציפּאַציע פאַר די יידן.

און דאָס איז נישט געווען אויף דער האַנט פון דער פּוילישער שלאַכטע, די פּריצים און לאַנד־מאַגנאַטן. זיי האָבן מורא געהאַט, אז מיט קאָשציושקאָ׳ס זיג וועלן זיי פאַרלירן זייערע פּריווילעגיעס און מוזן באַפרייען זייערע קנעכט — די פּויערים און אין דער זעלבער צייט פאַרלירן דעם קוואַל פון די הויכע צינזן, וואָס זיי האָבן אויסגעפּרעסט פון די יידן. און זיי האָבן פאַרראַטן פּוילן מיט זייער קאָנפעדעראַציע אין טאַרגאָוויצע און אויסגעליפערט פּוילן צו יעקאַטערינע דער צווייטער.

איצט קוקן מיר אויף די פעלדער פון מאַציעיאָוויצע, אַ הערלעכער לאַנדשאַפט, גרין פלושענע פעלדער פון איין זייט און דער צווייטער — אומענדלעכע גאָלדענע לאַנען

גדליה שאַיאַק (טשאַרנעזאָן)

# אויף די שליאַכן פון נעכטן...

**(קאַפּיטל פון אַן אַרבעט)**

רייזעס באַרייכערן דעם מענטש מיט אוממיטלבאַרע איינדרוקן, וואָס איבן אויס אַ געפיל פון אויפהייטערונג, שפּאַנונג, מאַכן וואַכזאַם און זעטיקן דאָס אויג און דאָס געמיט, אפילו, ווען מ׳זעט אָפּטמאָל זאַכן, שוין לאַנג געזעענע אין דער פריערסטער יוגנט אָדער אַנדערע צייטן.

אַז מ׳זעט זיי נאָך אַן אָפּלויף פון דריי־פירצענדליק יאָר שפּעטער, זעט מען זיי אין אַן אַנדערן לבוש און מען מאַכט אַנטפּלעקונגען. מ׳זעט דאָס לאַנדשאַפט, שטעט און מענטש אין אַ רעגנבויגן פון שיינענדיקע און אָפּטמאָל טרויעריקע, אומעטיקע פאַרבן.

אָפּטמאָל לויפן דיר אַנטקעגן זאַכן, וואָס איז פלוג זעען זיי אויס אומבאַדייטנדיק, ווייל מ׳זעט זיי אויבערפלעכלעך, אָבער נאָך אַ טיפערן אריינבליק, שווימען זיי ארויף אין נייע קאָנטורן, אין אַ נייער געשטאַלטיקונג.

און דאָס באַציט זיך צו מיין שפּאַציר פון וואַרשע ביז קוזמיר אויף דער ווייסל, בעת מיין באַזוך אין פּוילן אין יולי, 1977.

דאָס האָב איך דערפילט, בשעת מיין באַזוך אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשע, אויף דער גאַס א. נ. פון געג. שוויערטשעווסקעגאָ 79. די גאַס איז ריכטיק אַ טייל פון דער אַמאָליקער טלאָמאַצקע גאַס. נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך דער סאַסקע גאָרטן.

אויף ביידע זייטן פונעם אריינגאַנג פון ייד. היסטאָרישן אינסטיטוט זענען צוגעקלאַפּט מעשענע שילדלעך, און איינס אין דער יידישער שפּראַך, וואָס זאָגט, אַז דאָ געפינט זיך דער דר. עמנואל רינגעלבלום־אַרכיוו.

אינעווייניק איז זייער שטיל. אויסער די אויפזועריןביי איר טישל, אין אַ ווינקל אין אריינגאַנג־זאַל זעט מען קיינעם נישט.

הינטער שווערע קאָטאַרן געפינט זיך דער אריינגאַנג צום אַלגעמיינעם ביוראָ. אויך דאָ איז ציכטיק און שטיל. צוויי באַאַמטע זיצן ביי זייערע שרייב־טישן. ווי פאַרווירט גיי איך איבער די טרעפּ, צום ערשטן און צווייטן שטאָק. און באַלד געפין איך זיך אין גרויסן אויסשטעל־זאַל. דאָ געפינט זיך די פּערמאַנענטע אויסשטעלונג וואָס דערציילט וועגן אונדזער חורבן אין בילד און אין וואָרט. אַ ספּעציעלער אָפּטייל איז געווידמעט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

אומעטום לויפן דיר אַקעגן פון די ווענט אילוסטראַציעס, פאַנעלס, אויפשריפטן, דאַטעס, פאָטאָגראַפיעס, קאָפּיעס פון דער אונטערערדישער געטאָ־פּרעסע. אין צענטער ביי דער וואַנט, שטייען די צוויי מילך־קאַנען, אין וועלכע דר. רינגעלבלום האָט אויסבאַהאַלטן דעם געטאָ־אַרכיוו, וואָס מ׳האָט שפּעטער אויסגעגראָבן אויף די חורבות פון אַמאָליקן יידישן טייל וואַרשע.

אין פאַרגלאָזטע שאַפקעס — חפצים, בגדים, קעגנשטאַנדן וואָס דערציילן וועגן אונדזער נעכטן...

אַלץ איז מיט גרויס זאָרגפעליקייט אויפגעהיטן, אַן אומגעהויער מוזיאַלער אוצר פון אונדזער רייכער פאַרגאַנגענהייט.

דאָ זענען איינגעזאַמלט גרויסע אוצרות פון שאַפונגען פון יידישע קינסטלער אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. נעבן די בילדער זענען צוגעקלעפּט געהעריקע אויפשריפטן מיט דאַטעס און ביאָגראַפיעס פון די אומגעקומענע קינסטלער.

אין רעכטן טייל זאַל, געווידמעט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איז מאָנטירט אַ גרויסער שוואַרצער טאָוול מיט בולטע ווייסע אותיות מיט נעמען פון עטלעכע צענדליק נישט־יידן, פרויען און מענער, צווישן זיי עטלעכע גייסטלעכע (נישט קיין רוימיש־קאַטוילישע), וואָס האָבן אין יענע טראַגישע יאָרן, איינגעשטעלט זייער לעבן און געטראָגן הילף די געטאָ־קעמפער און די יידן אין וואַרשעווער געטאָ, און דערפאַר באַצאָלט מיט זייער אייגן לעבן.

אַ ווירדיקער אָנדענק־טאָוול לזכרון אמתע חסידי־אומות העולם. ליידער איז זייער צאָל קליין, קוים 9־צענדליק נעמען.

אויפגערודערט און מיט געליימטע טריט גייען מיר איבער די קאָרידאָרן און קומען ווידער אין אַ צווייטן זאַל. די ווענט באַהאָנגען מיט גרויסע לייוונטן פון באַרימטע

---

אין עטלעכע שעה ארום אים אַוועקטראָגן אַהיים. אויך דער באַגריף איז שוין פאַר ניאָמקען ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. געוויס — אַ האַלבן לעבן וווינט ער שוין אין אויסטראַליע, ווו ער האָט אַ הויז געבויט, קינדער דערצויגן. באַצייכענען מענטשן אזא צושטאַנד ווי: היים. אָבער: אין אין עטלעכע וואָכן אין ישראל, האָט מען דעם באַגריף היים גענוצט צו באַצייכענען יענע היים, וואָס איז שוין מער ניטאָ, וואָס איז אונטערגעגאַנגען מיט אַ וועלט מיט יידן.

און ניאָמקע האָט געזען: דער קיבוץ איז — היים. און חולון איז היים...

שטייען זיי אַזוי — צוויי חברים און דאַרפן עפּעס זאָגן, אַ לעצט וואָרט צום געזעגענען — פעלן ווערטער.

ענלעך טוט זיך ביי ניאָמקען עפּעס אַ ריר.

— שלום יצחק — עס איז גוט צו וויסן, אַז יידן האָבן אַ היים.

ביי יצחקן האָבן זיך טרערן באַוויזן אין די אויגן.

— האָט — הייסט עס — ניאָמקע אויך פאַרשטאַנען. סוף־כל־סוף — הייסט עס — ער געווונען יענע דיסקוסיע...

ניין. ער וועט עס ניאָמקען ניט פאָרוואַרפן. ער האָט אים בלויז ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און זיך האַרציק צעקושט.

מ. אייזענבוד

# געזעגענונג

(דערציילונג)

דער לעצטער צו באַגלייטן די געסט צום פלי־פעלד — איז געווען יצחק. ער האָט נאָך אַ ווײַלע זיך געוואָלט אָנהאַלטן אין ניאַמקען, וואָס איז געווען דער לעצטער עכאָ פון זײַן נעכטן. מיט ניאַמקעס אָנקומען קיין ישראל — האָט דער נעכטן באַקומען לשון! מען האָט געקאָנט אים אָנרירן; טרינקען אַ גלעזל משקה; הערן אַ שטים אין וועלכער עס האָבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן לאַנג פאַרגעסענע טענער פון יענער יאָרן, ווען אַ לאַכמע ברויט און אַ געבאַקענער קאַרטאָפל האָבן געהאַט א טעם, און אַ „טרעטשע" בולקע איז געווען אַ יום־טוב. דעמאָלט האָט מען געפירט דיסקוסיעס ביז האַלבע נאַכט וועגן גאָט און מענטש; און מענטש און לאַנד, און נאַציאָנאַליזם, און וועלט־באַפרייאונג און וועגן וואָס ניט? אין דער היץ פון יענע דיסקוסיעס האָט מען געקאָנט א וועלט איבערשמעלצן.

אדון ספראַני האָט געטריבן די מאַשין דורכן שלאַקסרעגן, וואָס האָט געשווענקט דעם אַספאַלט פון לודער שאָסיי. די באַוועגלעכע בערשטלעך האָבן מיט אימפעט געווישט די שויבן, אויף וועלכע עס זענען געדיכט געפאַלן שווערע רעגנטראָפנס. דורך די פענצטער, אויף אַ רגע באַפרייטע פון רעגן האָט מען באַמערקט די גרינע בורקעס פון זעלנער, וועלכע האָבן געהאַלטן אַן אויג אויפן פאַרקער.

די מאַשין איז געפאָרן אויפן רעכטן זייט פון וועג. ניאַמקען האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט, אַז זי פאָרט פאַלש. נאָך וואָכן האָצקען זיך אויף פאַרשידענע אויטאָבוסן, וועלכע האָבן די געסט ארומגעפירט איבערן לאַנד, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט צוגעוווינען זיך צו די סימנים, וואָס רעגולירן דעם פאַרקער. אדון ספראַני האָט מיט געניטקייט געטריבן דעם וואָגן, און ניאַמקע האָט שלום געמאַכט מיטן גורל, אַז אַזאַ איז דאָ דער סדר.

יעדער ישראלי האָט א געשיכטע צו דערציילן, ווײַל יעדער ישראלי האָט דאָך אַליין געמאַכט געשיכטע — און דאָס וואָס ער האָט צו דערציילן גיט צו דער גישיכטע אַ פערזענלעכע אינטימקייט. דו דערפילסט, אַז די פאַראון דאָס וואָס ער האָט צו דערציילן גיט צו דער געשיכטע די רואינען פון מסדה, אָדער אין טאָל פון קדרון, ווו עס שטייט דער יד אבישלום — נאָר זי זיצט נעבן דיר און אָטעמט מיט מענטשלעכער וואַרעמקייט. און אַדון ספראַני איז ניט קיין אויסנאַם.

אין ניאַמקעס מוח האָט זיך דאָס געהערטע אויסגעמישט מיט זשומען פון מאָטאָר; מיטן פלייצן פון רעגן איבער די שויבן; מיטן אָנבליק פון די מיידלעך אין גרינע מונדירן, וואָס וויקן זיך אין רעגן, ווײַל מ'דאַרף נאָך אַלץ האַלטן אַן אויג אויף דער זיכערקייט; און דער געדאַנק וועגן יצחקן, וואָס האָט ניט אַנדערש — נאָר געמוזט מיטפאָרן; און וועגן אדון ספראַני אליין: אַ מענטש לאָזט איבער אַ האַלבן טאָג אַרבעט נאָר דערפאַר ווײַל אים האָט זיך געדוכט, אַז אָן דעם וועט עפּעס פעלן אין דער פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרקניפּט דאָ אין לאַנד.

סוף־כל־סוף איז דער אויטאָ געבליבן שטיין פארן בנין פון לופט־פאָרט, וואָס איז געווען די טיר אין דער ברייטער וועלט אריין. מיטאַמאָל האָבן די געסט דערשפּירט אַ נערוועזקייט, וועלכע באַפאַלט געוויינטלעך מענטשן, ערב אַ ווייטער רייזע.

די לעצטע פאַרבינדונג מיטן לאַנד, איז געבליבן יצחק.

אין דער ישראלדיקער לאַנדשאַפט איז יצחק אריינגעוואַקסן מיט דער נאַטירלעכקייט פון אַ זוימען, וועלכער טרעפט אָן אויף זײַן באָדן און דערפילט ווי ער וואַקסט אויס אין אַן אויפגייענדיקער זאַנג. אי דאָס לאַנד — אי די קינדער — אַלץ איז געווען יונג. און דער אימפּעט פון יונגקייט האָט אים מיטגעריסן. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געטראָגן כלי־זיין אין מדבר, אין טעג פון מלחמה; צוזאַמען מיט זיי געקלעטערט אויף בערג. ניט אָפּגעשטאַנען. אַצינד פאַרמעסט ער זיך מיט זיי אויפן אוניווערסיטעט.

— אין דיינע יאָרן? — האָט אים ניאַמקע אַ פרעג געטאָן.

— איך וויל אָנקומען צום רבונו של עולם מיט אַקאַדעמישע דערגרייכונגען...

— נאָך אַלץ דער עם הספר — האָט ניאַמקע אַ טראַכט געטאָן — לערנען... לערנען...

די פּאָר וואָכן אין לאַנד זענען פאַר ניאַמקען געווען ווי אַ חלום — ווו דער נעכטן האָט זיך פאַרבונדן מיטן מאָרגן — ניט מער: דער חלום איז געווען וואָר, וואָס ער האָט באַמיט אײַנזאַפּן אין זיך. נאָר ווי דערקלערט מען עס יצחקן? ער האָט געוווּסט, אַז ווערטער קאָנען צעשטערן דאָס געוועב פון חלום, און ער האָט אים געוואָלט מיטנעמען מיט זיך, אויף די פליגל פון עראָפּלאַן, וואָס וועט

האָב איך אויסגעפירט ביז דער שאַפונג פון א נייעם קאָמיטעט.

אין צווישן צייט איז געווען אַ „בריוו אין רעדאקציע", ווי געוויינטלעך מיט פאָרווורפן אויפן אַדרעס פון סעקרעטאַר.

דער רעדאקטאָר חיים רובינשטיין האָט געדרוקט דעם בריוו, אָבער, לשם גערעכטיקייט צוגעגעבן זײַן קאָמענטאַר.

אזוי שרייבט ער אין די „אויסטראַלישע ידישע נייעס":

„מיר גיבן דעם בריוו ווי ער איז געשריבן. מיר מוזן אָבער באַמערקן, אַז דער רעדאַקציע איז באַקאַנט, אַז דער סעקרעטאַר פון באַיקאָט־קאָמיטעט האָט אָנגעווענדט כוחות די טעטיקייט פון קאָמיטעט צו פאַרברייטערן.

ווי ווייט די כוחות פון איין מענטשן קענען גרייכן טאָן אַזאַ גרויסע אַרבעט איז פאַרשטענדלעך, עס איז נישט קיין פליכט פון איינעם, עס איז די פליכט פון אַלע ידן און נישט־יידן אָפּוועדן די סכנה וואָס גייט פון דייטשלאַנד קעגן די עלעמענטאַרע רעכט פון מענטשן".

13 דעצעמבער 1935.

ס. בורשטין

דער דעמאָלטדיקער רעדאַקטאָר פון די „אויסטראַלישע יידישע נייעס", חיים רובינשטיין, האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן און געשטיצט דעם ניי־געשאַפענעם באָיקאָט־קאָמיטעט און געדרוקט אַלע אונדזערע קאָמוניקאַטן. מיר האָבן געהאָפט, אַז געוויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן וועט עס ברענגען. ליידער האָט זיך עס אַרויסגעוויזן פאַרקערט. מיר זענען געבליבן אַ קליין הייפל מענטשן, אידעאַליסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנט, איזאָלירט פון גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. נאָך מער: דער רעדאַקטאָר, חיים רובינשטיין, וואָס האָט אין אָנהויב אזוי וואַרעם אונדז אונטערגעשטיצט, האָט צום סוף זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אונדזערע באַריכטן און קאָמוניקאַטן אין דער יידישער ציטונג.

דער פאָלגנדיקער דאָקומענט געדרוקט אין די „אויסטראַלישע יידישע נייעס" דעם 25טן אָקטאָבער 1935, וועט דאָס באַשטיקן.

**בריוו אין רעדאַקציע**

צו דער רעדאַקציע און דרוקעריי
„אויסטראַלישע יידישע נייעס",
ג. ה"ה.

ווי איר ווייסט פון די באַריכטן, וועלכע זענען געווען זיינער צייט געדרוקט אין אייער חשובער ציי־טונג, איז אונדזער קאָמיטעט פאַר באָיקאָט און קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם געבוירן געוואָרן פון אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין אַ צאָל פון א פינף הונדערט יידן, וועמעס פאַרלאַנג איז געווען צו פירן און אויס־געשפּראָכענעם קאַמף קעגן נאַציזם בכלל און פאַר אַ פולשטענדיקן באָיקאָט פון דייטשע סחורות בפרט. דאָס איז געווען דער מינימאַלסטער באַרעכטיקטער ענטפער פון יעדן הומאַניטאַרן מענטש קעגן באַר־באַרישער און אינקוויזיטאָריש־מיטלאַלטערלעכער באַהאַנדלונג בנוגע דער שוצלאָזער יידישער באַפעל־קערונג אין דייטשלאַנד, דאָס איז אזוי עלעמענטאַר, אַזוי קלאָר, אַז עס פאָדערט זיך נישט פאַר אייך קיין שום עקסטרא אויפקלערונגען, בפרט, ווען איר אַליין האָט אין אָנפאַנג ברייט געעפנט די שפּאַלטן פון אייער חשובער צייטונג פאַר יעטוועדן געדאַנק, וואָס עס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות מיט באָיקאָט אויף דייטשע סחורות. נאָך מער, איר אַליין, רעדאַקטאָר רובינשטיין, האָט זיך באַטייליקט מיט אַן אַרטיקל אויף יענער מאַסן־פאַרזאַמלונג און דאָס שפּעטער אָפּגעדרוקט אין די „אויסטראַלישע יידישע נייעס", ווו איר דריקט אויס די סימפּאַטיע פאַר אַזאַ באָיקאָט. שפּעטער, ווען דער באָיקאָט־קאָמיטעט איז געשאַפן געוואָרן, האָט איר גערופן דעם יידישן ישוב אין מעלבורן צו העלפן אים אין זיין וויכטיקער אַרבעט ווי אויך שטיצן אים מאַטעריעל. דאָס איז געווען לאָגיש ווי אויך אייער פליכט, ווייל מיט דעם האָט איר געהאָלפן וועקן מוט, ווירדע און באַוווסטזיין צווישן די יידישע מאַסן אין אויסטראַליע.

ליידער געהערט דאָס אַלץ צו דער פאַרגאַנגענ־הייט. דאַקעגן מערקט זיך לעצטנס אַ טענדענץ פון שטערן און פאַראַליזירן אַן אַרבעט, וועלכע איר אַליין האָט אזוי געהאָלפן אויסברייטערן און פאַרטיפן. אַ פּאָרביישפּילן און זיי וועלן אילוסטרירן דעם אמת: איר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן די וועכנטלעכע קאָמוניקאַטן פון אונדזער באָיקאָט־קאָמיטעט, אין וועלכע מיר באַקענען דער עפנטלעכקייט אין קורצע געפאַסטע זאַצן דעם לויף פון אונדזער אַרבעט, איר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַן אויספירלעכן באַריכט פון לעצטן מאַסן־מיטינג וואָס איז פאָרגעקומען אין קאַרלטאָן האָל. אייער דרוקעריי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן דעם יידישן אויפרוף, אין וועלכן מען רופט די אויסטראַלישע באַפעלקערונג צו באָיקאָטירן דייטשע סחורות.

די פאַקטן פאָדערן נישט קיין שום ספּעציעלע קאָמענטאַרן און רעדן קלאָר פאַר זיך. מיר וואָלטן געווען צופרידן, ווען איר באַקענט אונדז מיט די מאָטיוון, וועלכע האָבן אייך באַוויגן צו אַזאַ נישט געזעלשאַפטלעכן און פאַלשן שריט.

מיר וואַרטן אויף אייער שריפטלעכער מיטטיילונג

סעקרעטאַר **ס. בורשטין.**

פּ. ס. אזוי ווי דאָס האָט אויך אַ געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג, אין וועלכער אַלע אייערע לעזער זענען פאַראינטערעסירט, בעטן מיר אייך דאָס אָפּצודרוקן אין אייער נאָענטסטן נומער, ווי אויך אייער מאָטי־ווירטן ענטפער.

באַמערקונג :

ווי דעם שרייבער פון בריוו אין באַקאַנט זענען מיר געווען די ערשטע אין וועקן און פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון באָיקאָט. זייט אָבער עס איז געשאַפן געוואָרן דער באָיקאָט־קאָמיטעט האָט מען אונדז אָנגעוויזן, דאָס די קאָמיטי־מעמבערס זענען עקסטערם געשטימטע פּאָליטישע טוערס און נוצן אויס דעם קאָמיטעט פאר פּאַרטייאישע צוועקן. די פאָלגן זענען געווען, דאָס מען האָט געפאָדערט פון אונדז אַן איבערזעצונג פון געדרוקטן אויפרוף און רעפּאָרטן.

ווענדיק אויסמיידן קאָנפליקטן זענען מיר געצוווּנגען פאַרשווייגן די טעטיקייט פון באָיקאָט־קאָמיטעט.

**די רעדאַקציע.**

לויט דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיר האָבן פאַרשפּילט.

אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער מיטגליד פון באָיקאָט־קאָמיטעט האָב איך מיט מיינע שטימונגען און געפילן זיך געטיילט מיטן קאָמיטעט, און דערקלערט, אַז ביי אַזאַ לאַגע קען איך ווייטער נישט פאַרנעמען אַזאַ וויכטיקן אַמט, ווי סעקרעטאַר און איך האָב רעזיגנירט, הגב די אַרבעט

נאָמיש רואינירט מיט די גרויסע קאָנטריבוציעס, וואָס זי האָט געדאַרפט צאָלן צוליב דער פאַרשפּילטער מלחמה.

היטלערס אַנטי־יידישע, אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק איז אויך געווען אַ קאַמופלאַזש פאַר דער שטילשווייגנדיקער וועלט, כדי איר שפּעטער צו באַהערשן. דאָס האָט געקאָנט הייסן, אַזוי ווי דאָס איז אַן אינערלעכער ענין פון אַ סוווערענער מדינה, קען זיך אַ פרעמדע מלוכה נישט אריינמישן. ערשט אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, אין די מינכענער צייטן, האָט די וועלט ענדלעך דערזען, מיט וואָס עס שמעקט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

ווי אַזוי האָט רעאַגירט די יידישע וועלט? מיט וואָסער הילף איז זי געקומען פאַרן דייטשישן יידנטום? ס'איז געוואָרפן געוואָרן די לאָזונג: „באָיקאָט”, נישט קויפן קיין דייטשע סחורות; נישט האַנדלען מיט איר; ברעכן איר עקאָנאָמיש, זי זאָל דערשטיקן ווערן. אָבער די יידישע וועלט האָט אויף דעם איין־און־איינציקן מיטל זיך נישט געאייניקט, געווען געשפּאָלטן.

זאָלן מיר אָנהויבן מיטן ענגלישן יידנטום. דער „יידישער באָאַרד אָף דעפּיוטיס” איז געווען קעגן באָיקאָט, ווייל, אפשר דערפאַר, ווייל דער דעמאָלטיקער „פּרינץ־אָף־ווילס”, דער שפּעטערדיקער ענגלישער קעניג איז געווען פריינדלעך איינגעשטעלט צום נאַציזם און מען קען די יידן חו"ש חושד זיין אין „מורד במלכות”. דאַקעגן די יידן פון דער לאָנדאָנער „איסט־ענד”, אונדזערע היימישע יידן, האָבן געשאַפן אַ באָיקאָט־קאָמיטעט. צו זיי זענען צוגעשטאַנען דער וועלט־פאַרבאַנד צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם: דער בריטישער אַנטי־מלחמה קאָנסול; דער יידיש־ענגלישער קאָנסול פאַר אַרבעט און אינדוסטריע. אָבער נישט דער יידישער אָרטאָדאָקסישער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס”.

אַן ענלעכע לאַגע איז געווען אין פראַנקרייך. די יידישע ביוראָקראַטיע שטייט אין א זייט צוליב אַנדערע מאָטיוון. אָבער אַן אַנטי־דייטשן באָיקאָט־קאָמיטעט ווערט געשאַפן. עס שליסן זיך אין אים אָן אַלע אַנטי־נאַציסטישע באַוועגונגען.

עס אַנטשטייען באָיקאָט־קאָמיטעטן אין א גאַנצע רייע אייראָפּעישע לענדער. אויך אין פּוילן. אָבער צוליב דעם פּאָליטישן אָפּמאַך צווישן פּוילן און דייטשלאַנד מוז זיך דער באָיקאָט־קאָמיטעט אין 1935 שליסן. אַזעלכע באָיקאָט־קאָמיטעטן ווערן אויך געשאַפן אין אַ גאַנצע רייע לאַטיין אַמעריקאַנער לענדער.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן שאַפט זיך א קאָמיטעט, צו וועלכן עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, די אַמעריקאַנער אַרבעטער־פעדעראַציע (א נישט יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע), דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, דער יידישער וועלט־קאָנגרעס. אָבער דער אמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט שטייט אין אַ זייט.

ווי האָט זיך באַצויגן אָדער רעאַגירט די קריסטלעכע וועלט און ספּעציעל די קאַטוילישע קירכע? ס'איז גענוג צו דערמאָנען דאָס שטילשייגן פון פּויפּסט פּיוס דער XI. מען דאַרף דערביי נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז עס זענען געווען פאַלן, ווען פון דער קריסטלעכער וועלט זענען יאָ געווען פּראָטעסטן.

אויך מעלבורן (אויסטראַליע) איז נישט געבליבן גלייכגילטיק צו דער טראַגישער לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד. עס ווערט גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, שולן, סינאַגאָגעס ווי אויך איינפלוסרייכע יידישע פּערזענלעכקייטן אין יענער צייט. די קאָנפערענץ קומט פאָר אין יוני 1935. קיין „באָאַרד אָף דעפּיוטיס” (ראַט פון יידישע פאָרשטייער) איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. דער „אַדוויזערי באָאַרד”, דער פאָרגייער פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס” איז געווען צו שוואַך פאַר אַזאַ אַרבעט. דעם פאָרזיץ פירט שמחה בריליאַנט, אַן אָנגעזעענער טוער אין „קדימה”.

דער ערשטער רעדנער איז געווען ראַביי דענגלאָו, דער דעמאָלטדיקער ראַביי פון סט. קילא־שול. ער זאָגט זיך ארויס קעגן אַזאַ באָיקאָט־קאָמיטעט, וואָס וועט קיין נוצן נישט ברענגען. פאַרקערט, עס וועט נאָך ארויסרופן קעגן אונדז די עפנטלעכע מיינונג פון אויסטראַליע. זיין גאַנצע איינשטעלונג איז געווען מער ווייניקער לויט דער ליניע פון דעם „באָאַרד אָף דעפּיוטיס” אין ענגלאַנד. צום וואָרט קומען אויסשליסלעך די ענגליש־רעדנדיקע. די היימישע יידן, די פאָלקס־יידן, די יידיש־רעדנדיקע ווערן איגנאָרירט, קיינער קען נישט באַקומען קיין וואָרט, כדי אויסצודריקן זייער צער און ווייטיק. די קאָנפערענץ פאַרציט זיך, עס ווערט שפּעט. די דיסקוסיע ווערט געשלאָסן. עס ווערט באַשטימט צו שאַפן אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ, וועמען מ'דאַרף אינפאָרמירן, אויב איינער קויפט, אָדער האַנדלט מיט דייטשע סחורות.

דאָס האָט ארויסגערופן אַ גרויסע פאַרביטערונג. מ'האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט אַזאַ אויספיר. לויט דער איניציאַטיוו פון אַ צייטווייליקן קאָמיטעט ווערט גערופן אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג. ביז אַ פינף הונדערט יידן האָבן זיך אין איר באַטייליקט. אַ נייער באָיקאָט־קאָמיטעט ווערט אויסגעוויילט. דאָס איז פאָרגעקומען דעם 1935.8.16. איך ווער באַשטימט אַלס סעקרעטאַר.

אויף דעם 9־טן סעפּטעמבער ווערט גערופן א גרויסע קאָנפערענץ. עס ווערן איינגעלאַדן: די אינפאָרמאַציע־ביוראָ; „קדימה”, „ציוניסטישע פעדעראַציע”, „וויקטאָריער ליי־קאַסע”, „ביאַליסטאָקער ליי־קאַסע”; ספּאָרט־קלוב „הכוח”; „עבריה”; „געזערד”; „קאָנסול אָף דזשואיש וואומען”; אויסער די אָרגאַניזאַציעס ווי דער „געזערד” און אויך אַ פאָר געזעלשאַפטלעכע טוער, האָבן אַלע זיך אָפּגעזאָגט צו קומען מיט פוילע תירוצים, אָדער אין גאַנצן איגנאָרירט די איינלאַדונג.

מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, כדי צו באַווייזן דער עפנטלעכקייט די גרויסע געפאַר, וואָס עס שטעקט אין היטלערס רעזשים אין דייטשלאַנד נישט בלויז פאַר יידן, נאָר פאַר דער וועלט בכלל. מיר האָבן גערופן מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ארויסגעלאָזן אין ענגליש פלוג־בלעטלעך און עס פאַרשפּרייט אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן צווישן דער אויסטראַלישער באַפעלקערונג.

פאַר אַנדערע, וואָס קלאַמערן זיך אין פּאַרטיקע פאָרמולעס, מחמת אין דעם עפּילאָג צום בוך, באַטאָנט ער „ספּינאָזאַ׳ס גאָט איז דער שכלדיקער יסוד פון דעם גאַנצן באַשאַף; ער איז אייביק און אומענדלעך ווי אייביק און אומענדלעך עס זענען די נאַטור־געזעצן... אין אַלץ און אומעטום הערשט דער אָרדענונג־פּרינציפּ און גאָט איז די אָרדענונג״.

— IV —

אויפקלערן ספּינאָזאַ׳ס שיטה, מיט איר ליכט און שאָטן, אין שיין פון הייַנטיקן וויסן, איז אַן אימפּאָנירנדיקע דערגרייכונג. עס פאָדערט זיך דערביי זייער פיל בקיאות, אַן אָריענטאַציע, זיין „אין דער היים״ סיי אין דער פילאָסאָפיע און סיי אין דער טעאָרעטישער וויסנשאַפט. שלמה סוסקאָוויטש ספּראַוועט זיך דערמיט, און פאַרן לייענער איז עס אַ צוגאָב. עס וועט פאַר אים פאַרשטענדלעכער ווערן פאַרוואָס און ווי אַזוי דער איינזאַמער מאַן פון מחשבה האָט טאַקע משפּיע געווען אויף דער מאָדערנער פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט, האָט דערלאַנגט אירע פאָרשטייערס אַ לאַמטערן אין דער האַנט.

אויב ס׳איז דאָ אַ חסרון אין בוך איז עס מחמת דעם וואָס „די כלה איז צו שיין״: די פּאַנאָראַמע פון דעם הייַנטיקן וויסן איז צו ברייט און די צאָל פאָרשטייערס צופיל. עס וואָלט אפשר געווען בעסער זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַ קלענערער און אויסגעקליבענער צאָל, כדי דאָס בילד זאָל זיין בלוטער. עס וואָלט אויך געווען א טובה פאַרן לייענער ווען עס וואָלט געווען אַ קאַפּיטל וואָס זאָל אויפקלערן אויף אַ „פּאָפּולערן״ און סיסטעמאַטישן אופן די גרונט־עלעמענטן פון ספּינאָזאַ׳ס פילאָסאָפיע. ס׳איז אָבער נישט רעכט צו טשעפּען זיך צו אַ מחבר צוליב דעם, וואָס עס פעלט אין אַ בוך, אַנשטאָט צו באַשטעטיקן דאָס וואָס ער האָט יאָ געטאָן. און דאָס וואָס שלמה סוסקאָוויטש האָט געטאָן, איז ראַיעל און לויבווערדיק. ער האָט אונדז מזכה געווען מיט אַ ספר אין יידיש צו ספּינאָזאַ׳ס דריי־הונדערטסטן יאָרצייט.

יידן האָבן אַ ספּעציעלן חשבון מיט ספּינאָזאַ׳ן. פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען, אַז די אַמסטערדאַמער קהילה האָט אים פאַרשעמט מיטן חרם אין 1656, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן פאַרקערט — אַז ספּינאָזאַ האָט באַ׳עוול׳ט יידן און יידישקייט אין זיין טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאָט. אין אַן אינפאָרמאַטיוון און „אָביעקטיוון״ קאַפּיטל וויקלט דער מחבר פאַנאַנדער דעם ענין אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.

דער לייענער פון „ליכט און שאָטן אין ספּינאָזאַ׳ס לעבן און שאַפן״ וועט דאַרפן צולייגן קאָפּ צום בוך. אָבער עס וועט זיין כדאי: ער וועט דערפון האָבן אַ נחת־רוח. זאָל דער לעצטער זאַץ פון ספּינאָזאַ׳ס קרוין־ווערק, „די עטיק״, זיין אַ טרייסט פאַר אים: „אַלץ וואָס איז דערהויבן איז אַזוי שווער ווי ס׳איז זעלטן״.

דר. ע. נאַקס

סענדער בורשטין

# באַיקאָט קעגן היטלער־דייטשלאַנד

### (אַ קאַפּיטל זכרונות)

מיט די ביז איצטיקע קאַפּיטלעך זכרונות זענען מיר דערגאַנגען ביז צו די טעג איידער ס׳איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. זיי זענען געווען כמעט אויסשליסלעך געווידמעט אונדזער צושטייער צו דער אַנטוויקלונג פון יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור־אַרבעט אויפן אויסטראַלישן באָדן. מיר האָבן געצויגן אונדזער יניקה פון די קוואַלן פון דעם מזרח איראָפּעאישן יידנטום, און דאָס האָבן מיר זיך באַמיט איבערצופלאַנצן אויפן היגן באָדן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע פון צענטראַל־איראָפּעאישן יידנטום, הויפּטזעכלעך פון דייטשלאַנד געענדערט. מיטן קומען פון היטלערן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד 1933, האָט דער פּאָליטישער הימל זיך אָנגעהויבן וואָס מער צו פאַרטונקלען, ביז אַ פינצטער וואָלקן האָט אים באַדעקט און ווי בליי קודם־כל זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קליינעם, האַלב־מיליאָניקן, אַסימילירטן יידישן ישוב אין דייטשלאַנד. דעמאָלט, אין אָנהויב האָט מען זיך אין אונדזער ווילדסטער פאַנטאַזיע נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז עס גרייט זיך אַזאַ קאַטאַסטראָפע, אַזאַ בלוטיקער מבול מיטן אומקום דורך פייער און שווערד און פאַרגאַזן פון אונדזערע זעקס מיליאָן יידן, וואָס איז אריין אין אונדזער געשיכטע אונטערן נאָמען שואה.

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז די באַפעלקערונג געוואָרן שוצלאָז, הפקר. די נאַצישע באַנדעס האָבן באַלד מיט דער ווילדסטער אכזריות זיך געוואָרפן אויפן יידישן פאַרמעגן, ברעכן שויבן, ארויסוואַרפן זיי פון זייערע וווינונגען און פאַרשלעפּן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, עפנטלעך פאַרברענען אַלע יידישע ביכער און ספרים, ווי בכלל ביכער פון גרויסע קינסטלער, וועלכע האָבן נישט אַנטשפּראָכן די נאַצישע אידעאָלאָגיע.

די יידישע ישובים אין דער וועלט, און דער אויסטראַלישער בתוכם, האָבן נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין נאַציסטישן דייטשלאַנד מיט אַ געוואַלדיקער באַזאָרגטקייט און אומרואיקייט. זיי האָבן געזוכט וועגן און מיטלען מיט וואָס און ווי אַזוי צו העלפן אונדזערע פאַרפאָלגטע ברידער אין דייטשלאַנד.

האָט דאָס זעלבע געפילט די נישט יידישע וועלט? דעמאָלט, אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן האָט מען דאָס נישט געזען. די רעגירונגען פון די וועלט־דעמאָקראַטיעס, האָבן געשוויגן. אפשר האָבן זיי געהאַט אַ שולד־געפיל, וואָס מ׳האָט צעטרייבערט דייטשלאַנד נאָכן באַוווסטן ווערסאַלער טראַקטאַט. מ׳האָט דייטשלאַנד עקאָ־

דיק די ממשלה פון מאַכט מיט דער ממשלה פון גייסט, האָט אַנאַטאָל פראַנס געזאָגט: „ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט פאַרמאָגט ספּינאָזאַ׳ס חכמה, וואָלט ער געוווינט אין אַ בוידעם און וואָלט אָנגעשריבן פיר ביכער״.

— II —

צו ספּינאָזאָס דריי הונדערטסטן יאָרצייט האָט מען אַ היפּש ביסל געשריבן וועגן אים אין פאַרשידענע מדינות און שפּראַכן, און אויך אין יידיש איז דערשינען אַ בוך וועגן אים. ס׳איז אַ מעלה פון דעם בוך וואָס איז נישט קיין סכום לויב־געזאַנגען אָדער אַן אָנפאַל אויף ספּינאָזאַ, נאָר אַ רואיקער לאָגישער אַנאַליז פון זיינע גרונט־הנחות און אויספירן.

דער מחבר פון דעם בוך, שלמה סוסקאָוויטש, איז נישט קיין פּנים חדשות אין אונדזער פילאָסאָפישער ליטעראַטור. ער האָט זיך זיין אייגענעם דרך און באַגנוגנט זיך נישט דערמיט וואָס ער קלערט אויף די מחשבה פון אַנדערע, הגם אויך אויף דעם איז ער אַ בריה, און ס׳איז אַ וויכטיקע עובדה.

אין אַ פריערדיקן ווערק — „די צוויי קוואַלן פון מאָראַל״ — האָט ער באַלויכטן דעם חילוק צווישן אַ מאָראַל, אַ רעלאַטיווע, אַזאַ וואָס בייט זיך, און וואָס וואַקסט אַרויס פון אונדזערע „ביאָלאָגישע נויטווענדיקייטן״, און אַ מאָראַל, אַן אַבסאָלוטע און אייביקע, וואָס איר שורש איז אין אונדזערע „הומאַניסטישע נויטווענדיקייטן״, און די ראיה פאַר דעם איז באַוווּסטזיין און אחריות.

שלמה סוסקאָוויטש האָט זיך קונה־שם געווען מיט אַן אייגנאַרטיקן פאַרדינסט: ער איז דער רעדאַקטאָר פון דעם פילאָסאָפישן זשורנאַל „דווקא״, וואָס גייט שוין אַרויס, אָן אַן איבעררייס, זינט 1949. ביז איצט זענען דערשינען אַכציק נומען (יעדערער איבער הונדערט זייטן), וואָס שטעלן מיט זיך פאַר ממש אַן ענציקלאָפּעדיע פון פילאָסאָפישן געדאַנק. די וואָגיגסטע אַרבעטן האָט ער אַליין צוגעגרייט, און עס ליגט אין זיי אָן אַ שיעור מי. באַהאַוונטקייט און שאַרפזיניקייט.

דאָס איצטיקע בוך הייסט „ליכט און שאָטן אין ספּינאָזאַ׳ס לעבן און שאַפן״, און ס׳איז פאַראַן אַן אונטערקעפּל „אין שיין פון היינטיקן וויסן״. פון דעם אונטערקעפּל דאַרף מען נישט דרינגען, אַז די פילאָסאָפיע איז דורכאויס אונטער דער שליטה פון וויסן, אָדער גענויער וויסנשאַפט; די לאַנדשאַפטן און האָריזאָנטן פון דער פילאָסאָפיע שפּרייזן אַריבער די גרענעצן פון דער פיזישער נאַטור, שוין דערמיט אַליין וואָס זי איז זיך מתעסק מיט פראַגעס וועגן דעם כאַראַקטער און יסוד פון דער נאַטור, וועגן דער ראָלע און גורל פון דעם מענטשן אין דער נאַטור, און וועגן דער פאַרלאָזלעכקייט פון דעם מענטשנ׳ס וויסן וועגן דער נאַטור. ממילא איז סוסקאָוויטש גערעכט, ווען ער איז מוסיף, „די פילאָסאָפיע זוכט נישט קיין וויסן, נאָר דעם זינען פון דעם וויסן״. נו, אוודאי, ס׳איז דאָ אַ המשכ׳דיקייט פון וויסן און דעם זינען פון וויסן, ווי אויך פון וויסן און געוויסן; ס׳איז דאָ אַ קעגנזייטיקע שייכות צווישן זיי.

אָט־דאָס איז אומגעהייער וויכטיק אין ספּינאָזאַ׳ס פילאָסאָפיע, מחמת דאָס וויסן מיט אַ זינען, דאָס שכל׳דיקע וויסן, פאַרבינד דעם מענטשן מיט דער נאַטור אָדער וועלט, מיט גאָט. דאָס וויסן וואָס איז באַזירט אויף דער דערפאַרונג פון די חושים, דאָס אַבסטראַקטע דענקען וואָס פאַרוואַנדלט דאָס וויסן אין וויסנשאַפט, זענען טרעפּ אויף דעם לייטער צום וויסן וואָס איז אינטואיטיווע דערקענטעניש, די העכסטע מדרגה פון וויסן — די דערקענטעניש וואָס נעמט אויף אַלע זאַכן און דערשיינונגען אונטער דעם אַספּעקט פון דער אייביקייט, וואָס נעמט זיי אויף ווי אותיות אין דעם אלף־בית פון דער אומענדלעכקייט און דער אייביקייט.

— III —

ס׳איז נישט מעגלעך אין די ראַמען פון אַ קורצער רעצענזיע אַריינצוקוקן אין אַלע חדרים פון ספּינאָזאַ׳ס פילאָסאָפישן בנין, און שילדערן אים מיטן ליכט און שאָטן אינעווייניק. ס׳איז גוט וואָס דער מחבר איז מער גענייגט צום ליכט און ווייזט אָן אויפן שאָטן, כדי מיר זאָלן קאָנען גענויער אָפּצושאַצן דעם בנין. נישט תמיד איז דער שאָטן טאַקע שאָטן, ווי אַ שטייגער, ווען דער מחבר דערציילט אונדז, אַז ספּינאָזאַ׳ס „פּאַנטעאיסטישער גאָט איז אייגנטלעך אַ געפאַנגענער, ער איז צוגעשמידט צו קייטן־געזעצן, וועלכע ער האָט זיך אַליין געגעבן״.

לאָמיר זיך טאַקע באַנוצן מיטן מעטאַפאָר פון ליכט אַנאַלאָגיש: איז ליכט צוגעשמידט צו די קייטן־געזעצן פון פיזיק צוליב דעם וואָס עס באַלייכט זיך אליין? דאָס איז דער מהות און די פונקציע פון ליכט. אין דעם ליגט איר פרייהייט. ספּינאָזאַ׳ס גאָט איז נישט דער פּאַנטעאיסטישער גאָט לויט דער געוויינטלעכער אויפפאַסונג: ער אידענטיפיצירט נישט גאָט מיט דעם אַגרעגאַט פון זאַכן אין דער וועלט — זאַכן וואָס זייער עקסיסטענץ איז אַ דערווייליקע, וואָס אָט זענען זיי דאָ און אָט ווערן זיי אויס, וואָס זיי געהערן צום קיניגרייך פון צייט און נישט פון דער אייביקייט. גאָט, לויט ספּינאָזאַ, איז נישט אַ סכום פון שטיינער און פלאַנצן, חיות און מענטשן, פּלאַנעטן און שטערן; דאָס — אין זיין ווונדערלעכער פראַזע — איז „דאָס פּנים פון דעם אוניווערס״, וואָס ענדערט זיך פון רגע צו רגע. גאָט איז נישט די וועלט, נאָר דער סדר און אָרדענונג פון דער וועלט. דער שאַפנדיקער און באַפרוכפערדיקער כוח, וואָס איז גורם די עקסעסטענץ פון אַלע זאַכן אין איינקלאַנג מיט איינהייטלעכע און אייביקע פּרינציפּן; גאָט איז דער אומאויפהערלעכער פּראָצעס, וואָס פורעמט אויס פון דעם תוהו ובוהו, פון דעם כאַאָס פון דער וועלט, סדר און אָרדנונג, באַהויכט פון דעם יהי אור, עס זאָל זיין ליכט.

פאַר שלמה סוסקאָוויטש איז די באַמערקונג, אַז „גאָט איז אַ געפאַנגענער, צוגעשמידט צו קייטן־געזעצן״ אַ פּראָוויזאָרישע, און וואַרשיינלעך, נישט קיין שאָטן, ווי ס׳איז

דר. עזריאל נאַקס

# אַ בוך וועגן ספּינאָזאַ

(צוגעשיקט פון מחבר)

„ליכט און שאָטן אין ספּינאָזאָס לעבן און שאַפן", פון שלמה סוסקאָוויטש, אַרויסגעגעבן פון אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

— I —

ברוך ספּינאָזאַ איז געבוירן געוואָרן אין 1632 און איז געשטאָרבן אין 1677, אין דעם עלטער פון קנאַפּע פינף־און פערציק יאָר. אויף העברעיש האָט ער געהייסן ברוך, אויף לאַטיין — בענעדיקטוס, און אויף אַנדערע שפּראַכן ווערדליק דער פּאַסיקער פאָרמולירונג פון דעם נאָמען ברוך, אָבער אין אַלע שפּראַכן איז דער טייטש פון דעם נאָמען דער זעלביקער — דער געבענטשטער. אין משך פון די דריי הונדערט יאָר זינט זיין טויט האָט זיך קריסטאַליזירט דער היסטאָרישער פּסק: אַז ער איז טאַקע דער געבענטשטער ספּינאָזאַ. סאָקראַטעס (339 — 469 פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג) אין דעם אַמאָליקן אַטען, און ספּינאָזאַ אין אַמסטערדאַם, ווערן באַטראַכט ווי די צוויי איידלסטע און מוטיקסטע געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע.

ס'איז ממש נישטאָ קיין איין שטח פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט — פון דער קולטור בכלל — וואָס איז נישט באַווירקט געוואָרן פון ספּינאָזאָס מחשבה. ס'איז צו שטוינען ווי־אַזוי דער מענטש, וואָס האָט געוווינט אין אַ בוידעם ביי אַן עלטערן פּאָרפאָלק, און האָט פאַרדינט אויף חיונה פון דעם וואָס ער האָט געשליפן אָפּטישן גלאָז, האָט דאָך געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די אָנגעזעענסטע געלערנטע און דענקערס פון זיין צייט, און עס זענען אפילו געווען אַזעלכע וואָס האָבן נישט געזשאַלעוועט די מי אים צו באַזוכן.

ספּינאָזאַ האָט געשריבן זיין „קרוין־ווערק „די עטיק" לויט דעם געאָמעטרישן מעטאָד, מיט אַ קאַרגקייט אויף ביישפּילן און פּירושים, און פּאָרט האָבן נישט בלויז דענקערס, נאָר אויך דיכטערס און קינסטלערס, דערבליקט אין דעם ווערק אַ לויטערקייט און דערהויבנקייט וואָס שטראַלן ארויס סיי פון דעם שכל און סיי פון האַרץ, און קרעפטיקן דעם געמיט און טראָגן אין אים אריין אַ זעלטענע און זיסע פרייד.

באַלד נאָך זיין טויט האָט זיך גערוכט, אַז ספּינאָזאַ'ס נאָמען וועט פאַרוואַלגערט ווערן אין די אַרכיוון פון דער פילאָסאָפיע, אַז ער איז געווען ווי אַ כוואַליע וואָס האָט אויף א רגע באַרירט דעם ברעג פון דעם ים פון מחשבה און איז תיכף פאַרלאָרן געוואָרן אין אים. דער פראַנצויזישער ראַציאָנאַליסט, פּיער בייל (1647־1706), וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן איינפלוס אויף דער אייראָפּעאישער אויפקלערונג, ווי אירער אַ באַשטימענדיקער פאָראויסגייער, האָט געמאָלן אַ פאַלש און פיינטלעך בילד פון אים, און דער באַרימטער וואָלטער (1694־1778), וואָס האָט פאַרפלעקט און פאַרשעמט זיין הומאַניזם מיט שנאה און פאַראַכטונג צו יידן און יידישקייט, האָט אים אויסגעלאַכט. ס'איז געווען אפרים לעסינג (1729־1781), דער קריסטלעכער אוהב ישראל, דער פריינד פון משה מענדעלסאָן (1729־1786), וואָס האָט אים דערנענטערט צו די דענקערס און דיכטערס פון זיין צייט. דער „העלד" אין זיין דראַמע „נאַטאַן דער ווייזע" איז אַ סינטעטישער פּאָרטרעט פון משה מענדעלסאָן און ברוך ספּינאָזאַ.

ערשט אין ניינצנטן יאָרהונדערט איז דער אינטערעס אין ספּינאָזאַ'ס שיטה געוואָרן פאַרטיפט, און זיין אָרט אין דער מזרח־וואַנט פון דער פילאָסאָפיע איז געוואָרן פאַרזיכערט. העגעל האָט דערקלערט, „אַז צו זיין אַ פילאָסאָף מוז מען פריער זיין אַ ספּינאָזיסט", און געטע האָט מודה געווען, אַז ספּינאָזאַ האָט פאַר אים אַנטפּלעקט דעם סוד פון דעם וואָס ער האָט גערופן „הייטערע זעלבסט־ענטזאַגונג" (אָט־אָ די אינערלעכע מנוחה און שלווה וואָס קומט נאָכן באַפרייען זיך פון פאַרלאַנגען און אימפּולסן, וועלכע דריקן אונדז אַראָפּ צו דער ערד). און פאַרגלייכנ־

פאָלק, וואָס האָט געהאַט די חוצפּה זיך אָנרופן די קולטור־טרעגער פון אייראָפּע, האָבן געקאָנט זיך דערלויבן קאַלטבלוטיק אויסראָטן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן? ווי האָבן געקאָנט אזוי גערופענע ציוויליזירטע מענטשן באַגיין אַזוינע פאַרברעכנס?

ווען גרויזאַמע שחיטות זענען באַגאַנגען געוואָרן פון קאָזאַקן אונטער באָגדאַן כמיעלניצקי אָדער דורך אוקראַינער אונטער פּעטלורען, האָט מען נאָך עפּעס ווי ניט איז דאָס באַגריפן; אָבער ווען דאָס פאָלק פון געטע און קאַנט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָ פאָלק פון רוצחים, איז אוממעגלעך צו באַגרייפן. אמת, היינריך היינע האָט דאָס פאָראויסגעזאָגט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, אָבער דאָך!?

נאָכן ערשטן חטא — דעם „האָלאָקאוסט", דער צווייטער חטא — דאָס פאַרשעמען די גאַנצע אייראָפּעישע קולטור און אייראָפּעישע ציוויליזאַציע. נישט קוקנדיק אויף די גרויסע חטאים וואָס די אייראָפּעישע פעלקער זענען באַגאַנגען, איז עס דאָך געווען אַ גרויסער חילוק צווישן „אייראָפּעיש" און „אַזיאַטיש". דאָס וואָרט אייראָפּייער האָט געהאַט אַ העכערן ניוואָ פון די „אַזיאַטן", דאָס בעסערע האָט שטענדיק געהייסן אייראָפּעיש, דאָס אומציוויליזירטע — אַזיאַטיש. קיינער האָט עס נישט פּרובירט צו לייקענען; אָבער ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, איז דאָס וואָרט: אייראָפּעיש געוואָרן אַ שאַנד־וואָרט. די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע איז געוואָרן אַ זידל־וואָרט ביי די נעגערס פון אַפריקע. עס וועט דויערן זייער לאַנג ביז דער פלעק אויף דער „אייראָפּעישע ציוויליזאַציע" וועט אויסגעמעקט ווערן, און אפשר וועט עס איבערהויפּט נישט געשען.

י. סאָלוויי

יוסף סאַלוויי

# דער „האָלאָקאוסט"

דער פילם „האָלאָקאוסט" האָט אויפגעעפנט אַ נייעם קאַפּיטל אין דעם וויכוח וועגן דעם „חורבן בית שלישי", דער אונטערגאַנג פון מזרח־איראָפּעישן יידנטום.

ווי שטענדיק זענען דאָ עטלעכע צדדים, נאָר אין אמתן זין זיינען אייגנטלעך דאָ דריי דעות: צווישן יידן, צווישן גוים און צווישן גוים און יידן.

צווישן יידן שטעלט זיך די ערשטע פראַגע: איז דער פילם עכט, האָט מען געמאַכט „קליינע" ענדערונגען כדי צו פאַרווייסן די פּאַמוניצע? גיט דער פילם גענוי דאָס וואָס עס איז די רעאַליטעט? זעען מיר דעם אמת, אָדער נאָר אַ בליק אין דעם געשעענעם?

דער סאָרט פראַגן וועלן קיין מאָל נישט באַקומען דעם אָביעקטיווען ענטפער, ווייל אַן אָביעקטיווער ענט־פער עקזיסטירט נישט. דער וואָס איז דאָרטן נישט געווען קען דאָס נישט באַגרייפן. פון דער אַנדערער זייט, אין אונדזער דור, אפשר די וואָס זענען דאָרטן נישט געווען זענען נאָך צו נאָענט צום חורבן. נאָר דער דור וואָס וועט זיין פיל ווייטער, וועט קענען זיין אָביעקטיוו אין זיין אויפנעם פון חורבן.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז עס נאָך צו פרי דאָס צו פילמירן, אָבער די צייט וואַרט נישט. דער יונגער דור פאַרשטייט נישט דעם גאַנצן ענין. ווי אזוי איז עס מעגלעך געווען דריי צו פיר מיליאָן יידן האָבן נישט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן? די פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג איז נישטאָ אין פילם (און וועט וואַרשיינלעך נישט זיין). דאָס וואָלט זייער פיל גענוצט, כדי צו דערקלערן דעם יונגן דור פאַר־וואָס איז דער ווידערשטאַנד געקומען אזוי שפּעט. מיר זענען צו נאָענט צום חורבן. פּושקין האָט געשריבן זיין ווערק: דעם „קאַפּיטאַנס טאָכטער", אומגעפער אַ האַלבן י. ה. (פּופּציק יאָר) נאָך דעם אויפשטאַנד פון פּוגאַטשאָוו. טאָלסטאָי האָט געשריבן „מלחמה און פרידן" אומגעפער אַ האַלבן יאָרהונדערט נאָך נאַפּאָלעאָן.

ביי דער געלעגנהייט איז עס אינטערעסאַנט צו פאַר־צייכענען דעם פאָלגנדן עפּיזאָד: נישט זייער ווייט פון פּאָנאַר, וווּ מען האָט געשאָכטן יידן, איז געווען אַ געפאַנ־גען־לאַגער פון דער רויטער אַרמיי. די באַדינגונגען זענען געווען נאָך ערגער ווי אין געטאָ. סאָוויעט־רוסלאַנד האָט נישט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך וועגן קריגס־געפאַנ־גענע, און דאָס האָט געגעבן די דייטשן אַ מעגלעכקייט צו טאָן וואָס זיי ווילן מיט די רוסן.

אַ פאַרשטייער פון יידישע פּאַרטיזאַנער האָט זיך אריינגעשמוגלט צו די רוסן און פאָרגעלייגט צו אָרגאַ־ניזירן אַן אויפשטאַנד קעגן די דייטשן. נישט קוקנדיק אויף דעם ווי די געפאַנגענע זענען פאַרפייניקט געוואָרן פון הונגער און ברוטאַליטעט, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו קעמפן.

און נאָך עפּעס: אַז מען האָט געפירט דעם אַכציק־יאָריקן היסטאָריקער דובנאָוו איבער די גאַסן פון שטאָט ריגע צום שעכטן, האָט ער געשריען: „יידן פאַרשרייבט!!!" מיר זענען אַ פאָלק וועמעס כתבי קודש איז אַ לערן־בוך פון געשיכטע און דער היסטאָרישער אמת איז אונדז זייער וויכטיק. און טאַקע צוליב דעם פאַרלאַנגען מיר צו וויסן דעם אמת.

מיר האָבן נאָך אַ פליכט: דאָס איז צו דערציילן און דערקלערן דעם יונגן דור וואָס עס איז געשען און ווי אַזוי איז עס געשען.

פיל וויכטיקער איז: וואָס קלערן די גוים? דאָס איז טאַקע אַן ערנסטע פראַגע: מה יאמרו בגוים? וועלן זיי טאַקע זאָגן אשמנו? נישט פיל. ביז איצט וויל די גרויסע מערהייט נישט גלויבן, אַז דאָס איז דער אמת. זיי ווילן הערן, אַז דאָס זענען באָבע־מעשות, דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן נישט פאַרלאָרן דעם געפיל פון שאַנדע, און דערפאַר ווילן זיי נישט גלויבן וואָס זיי זעען.

אַ קליינער טייל זאָגט: אַ שאָד, וואָס היטלער האָט נישט פאַרענדיקט זיין ארבעט, און פּטור געוואָרן פון די יידן.

עס שטעלט זיך די פראַגע: וועט דער דורכשניטלעכער מענטש, וואָס טראַכט זאָגן: עס איז וויכטיק און נויטיק צו וויסן, אָדער ער וועט זאָגן: לאָמיר פאַרגעסן — ווי מעגלעך שנעלער. דערויף האָבן מיר ביז היינט נאָך נישט קיין ענטפער.

די דריטע גרופּע, איז אַ געמישטער דיאַלאָג: יידן קעגן גוים.

דאָס איז איבערהויפּט אוממעגלעך צו דערגרייכן ביזן דופיק. וועלכער גוי וועט זיך מודה זיין אין געבן די קאָרעק־טע אָפּשאַצונג פון דעם פילם, עס איז נאַאיוו צו גלויבן, אַז אין אַזאַ דיאַלאָג וועלן גויים אָנערקענען זייער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. פאַרקערט, זיי וועלן מיט אַלע כוחות שטרעבן דאָס צו פאַרגעסן. צי וועט דער פילם ברענגען נוצן? דאָס איז שווער צו זאָגן.

דערווייל מערקט זיך אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט פון די נאַציס, די אזוי גערופענע נייע נאַצי־באַוועגונג איז קליין אין צאָל, אָבער מען טאָר זי נישט אונטערשאַצן. דער בעסטער ביישפּיל איז דאָ אין ארץ־ישראל.

די געפאַר פון נאַציזם באַשטייט אין דעם, אַז עס איז זייער לייכט איינצורעדן דעם עולם, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די יידן. דער געדאַנק איז זייער טיף פאַרבאָרגן, אָבער עס פאָדערט זיך נאָר אַ שוועבעלע, כדי אָנצוהייבן דעם פייער.

דער פילם האָט אָן שום צווייפל געגעבן דעם ענין אַ שטופּ, ער ווערט דיסקוטירט כמעט אומעטום. דאָס איז אַ ספּאָראַדישער אַפּיל צו די אינסטינקטן פון מענטש.

מוזן מיר געדענקען, אַז די „נאַציאָנאַל סאָציאַליסטן" וואַרטן נישט, אַז מען זאָל זיי געבן אַ טעמע. זיי זענען שטענדיק צוגעגרייט צו ווירקן „און עס איז שווער זיי צו קאָנטראָלירן". דער נאַציזם וואַקסט אין עקאָנאָמישן קריזיס. מענטשן זוכן אַ שעיר לעזאָזל אויף וועמען צו וואַרפן די שולד.

ביי דער געלעגנהייט, ווען מען זעט די טיפן דייטשן, שטעלט זיך גלייך די פראַגע: ווי אזוי? ווי אזוי האָט דאָס

מאַרק אַליפאַנט

# אַן אידעאַל פאַרן קיום פון מענטשלעכן מין

צי איז פאַראַן אַ צוקונפט פאַרן מענטשלעכן מין? איז די דאָזיקע שכלדיקע חיה וואָס געוועלטיקט אויף דער ערד מיט כוח פון איר גרויסן מוח, איר כוח צו טראַכטן און הענט מיט וועלכע צו נוצן וועקצייג, איז זי בכוח צו געפינען אַ וועג אַרויס פון מאָראַלישן און גייסטיקן קלעם, וואָס באַדראָט דעם קיום פון די מינים?

אין משך פון די מיליאָנען יאָרן וואָס דער מענטש לעבט אויף אונדזער פּלאַנעט, איז ער געפּירט געוואָרן פונקט אַזוי פון מיסטישע, ווי פון שכלדיקע כוחות, סיי אין זיין טראַכטן, סיי אין זיינע מעשים. ער האָט געדאַרפט נעמען צו קענטעניש דרויסנדיקע כוחות, גוטע און שלעכטע, איבער וועלכע ער האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנטראָל.

די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע וואָס פירט אָן מיטן היינטיקן מענטש, איז אַרויסגעוואַקסן פון דער טעכנאָלאָגיע, וואָס זי גופא איז אַ פּראָדוקט פון שכל.

דער גרויסער דערפאָלג פון אינדוסטריעלן צייטאַלטער האָט אָנגערעגט צו גלייבן, אַז די וויסנשאַפט און אירע אויפטוען זענען בכוח צו ליזן אַלע מאַטעריעלע פּראָבלעמען פון אונדזער עקזיסטענץ. אויב אַזוי זענען נישט נייטיק קיין שום אויסערלעכע ווערטן אויף צו דערגרייכן מאַטעריעלע דערפאָלגן. אַוועקוואַרפנדיק די אומראַציאָנעלע איבערצייגונגען פון עבר, צי האָט נישט דער מענטש אַרויסגעוואָרפן דאָס קינד צוזאַמען מיטן אומרייניעם וואַסער?

דער לעבנשטייגער פון די איינגעבוירענע אַבאָריזשינעס אין אויסטראַליע איז, ווי ס'ווייזט אויס געווען באַזונדערס סטאַביל, אין משך פון צענדליקער טויזנטער יאָרן, איידער דער ווייסער־מענטש איז אָנגעקומען דאָ אַהער. די סטאַבילקייט איז דערגרייכט געוואָרן דורך אַ שטרענגן לעבנסשטייגער וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביי די שבטים, דער עיקר דורך אָבסערוואַציע און לאַנגע דערפאַרונגען, אָבער אויך דורך מיסטישע גלייבענישן וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה פון גאָר וויטן, פאַרנעפּלטן עבר. זייער חלום־צייט.

זיי האָבן נישט געהאַט קיין חוש פאַר פּערזענלעך אייגנטום, אַלצדינג, אַריינגערעכנט זייערע הייליקע פעלצער און זאַכן האָבן געהערט צום שבט. דער פיינטלעכער קלימאַט און די קאַרגע באַשפּייזונג האָט גורם געווען זיי זאָלן זיין ווייניק אין צאָל. זייער לעבן איז גאָר נישט לייכט געווען, אָבער ווי ס'ווייזט אויס זענען זיי געווען אַ זעלטן גליקלעך פאָלק, געלעבט האַלב אויף דער ערד און האַלב אין מיסטישן גייסט וואָס זיי האָבן אַנטוויקלט.

פערציק טויזנט יאָר און נאָך מער, האָט זייער לעבנסשטייגער זיי גוט צוגעדינט. אונדזער אינדוסטריעלע ציוויליזאַציע איז קוים עפּעס מער ווי צוויי הונדערט יאָר אַלט און שוין באַווייזן זיך סימנים פון איר פאַנאַנדערפאַל. נאָך מער, זי האָט שוין כמעט אין גאַנצן צעשטערט דעם טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער פון אַבאָרידזשינישן פאָלק.

געזען פון דעם קוקווינקל איז באַשיימפּערלעך קלאָר, אַז אונדזער היינטיקע געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור, וואָס איז געבויט אויף היינטצייטיקן וויסן און טעכנאָלאָגיע, סיי אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער, סיי אונטער דער קאָמוניסטישער פאַן איז בלויז אַ דערווייליקע אָרגאַניזאַציע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דער אינדוסטריעלער הינטערגרונט וואָס האַלט אויף ביידע סיסטעמען, איז אַ פּראָדוקט פון ריינעם שכל. אָבער די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז אַרויסגעוואַקסן פון אָפּאָרטוניזם און גיריקייט וואָס האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט. אויך אין די קאָמוניסטישע לענדער האָט אַן ענלעכער אָפּאָרטוניזם צוזאַמען מיט אַ גרויסער מאַכט, וואָס אַ הערשנדיקע מינדערהייט און אכזריותדיקע פירער האָבן פאַרכאַפּט, איז אַ פּראָדוקט פון שכל.

יעדע פון די צוויי האַלט זיך פאַר אַן אידעאָלאָגיע, איז דער אמתן איז בכלל נישט צו זען קיין סימן פון אַן אידעאַל ביי קיין איינעם פון זיי. איך גלייב נישט, אַז זיי וועלן נאָך לאַנג פאַרבלייבן. די גאַנצע געשיכטע פונעם מענטש אויף דער ערד, טייט אָן אויף דער נייטיקייט פון עפּעס אַן אידעאַל, — עפּעס וואָס איז אַנדערש ווי די מאַטעריעלע ווערטן, — וואָס זאָלן זיין אַ באַוואָרעניש קעגן אַ שנעלער דעגענעראַציע.

אָט די גייסטיקע ווערטן מוזן לאו דווקא נישט זיין קיין רעליגיעזע, על כל פנים נישט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, אָבער זיי מוזן זיין פונקט אַזוי מחויבדיק. אַסטראָלאָגיע און די מאָדערנע אינדישע קולטן, ווי נאַרקאָטיק זענען נישט קיין במקום פאַר טיפערע שטרעבונגען וואָס מאַכן אונדז מענטשלעך.

דער ריכטיקער צושטייער פאַר אַ נייעם אויסקוק וואָס איז נייטיק אין דער אינטעגרירטער וועלט פון דער צוקונפט, וועט זיין אַ תּוכיקער גלייבן אין דעם מין מענטש, אַ ברייטע זאָרג פאַר אַלע זיינע יחידים, זייער פרייהייט און זייערע רעכט פאַר פולע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. צו דעם מוז מען נאָך צוגעבן אַ טיפן רעספּעקט פאַרן פּלאַנעט וואָס איז אונדזער היים, אַ רעספּעקט נאָענט צו דער ליבשאַפט צו גאָט ביי די גרויסע רעליגיעס.

איך זעט נישט קיין סתירה צווישן שכל וואָס באַרייכערט די וויסנשאַפט אין איר באַנוץ און די אינעווייניקסטע תּוכיקייט וואָס זאָל אָנפירן מיטן באַנוצן די וויסנשאַפט. ביידע זענען נייטיק פאַרן קיום פון מענטשלעכן מין.

פון „סידנעי מאָרנינג העראַלד"

מיט דער דערלויבעניש פון מחבר:

פון ענגליש: מ. אַלעקסאַנדער

# דער פּאָעט און דאָס ליד

דער פּאָעט — אָסיפּ עמילאַנאָוויטש מאַנדעלשטאַם — אַ פּוילישער ייִד, געבוירן אין וואַרשע און דערצויגן געוואָרן אין פּעטערבורג, איז געווען דורך און דורך רוסיפיצירט. במילא איז זיין מעדיום געווען—רוסישע פּאָעזיע.

ווען באָריס פּאַסטערנאַק האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט דאָס ליד, וועלכעס מאַנדעלשטאַם האָט אָנגעשריבן וועגן סטאַלינען — האָט ער מיט שטוינונג אויסגערופן:

— ווי אַזוי האָט אַ ייִד געקאָנט אָנשרייבן אַזאַ ליד?

דעמאָלט ערשט איז דער לייענער פון נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַמס בוך: „האָפענונג קעגן האָפענונג״ געוווירער געוואָרן וועגן מאַנדעלשטאַמס שייכות צו ייִדן.

באַלד נאָכן אָנשרייבן דאָס ליד, האָט סטאַלין באַקומען דעם פולן טעקסט, הגם מאַנדעלשטאַם האָט עס געלייענט בלויז אונטער „פיר אויגן״. מען אַרעסטירט אים סוף 1933, און עס דראָט אים אַ שווערער פּראָצעס פאַר מלוכה־פאַראַט. בוכאַרין —אַ פריינד פון די מאַנדעלשטאַמס — האָט נאָך דאַן געהאַט אַן איינפלוס. אין מיטן דער אויספאָרשונג פאַראָרדנט סטאַלין:

— פּרעזערווירן, אָבער — איזאָלירן.

מאַנדעלשטאַם און זיין פרוי ווערן פאַרשיקט אונטער קאָנוואָי אין פאַרוואָרפן שטעטל שטשעדרין. אַדאַנק בוכאַרינס איינפלוס געלינגט זיי איבערצופאָרן אין אַ גרעסער שטעטל — וואָראָניעזש, ווו ער קומט אָפּ זיין פאַרשיקונגס־אורטייל — 3 יאָר.

נאָך די דריי יאָר פאַרשיקונג האָבן די מאַנדעלשטאַמס געמוזט פאַרלאָזן וואָראָניעזש — אָבער נישט געקאָנט צוריקקערן זיך אין זייער וווינונג אין מאָסקווע. געפינענדיק זיך אונטערן שווערן דרוק פון די באַדינגונגען, אין קלעם פון ביוראָקראַטישע פאַראָרדענונגען — הונגעריק און היימלאָז (איינער פון די אָנערקענטסטע סאָוויעטישע פּאָעטן) האָט ער אין 1937 אָנגעשריבן אַ ליד: „אָדע צו סטאַלין״.

און נאַדזיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם פרעגט אין איר בוך:

„צי קאָן אַ פּאָעמע ראַטעווען אַ מענטשנס לעבן?״

אויף דער פראַגע איז שווער צו ענטפערן. אויך נאַדיעזשדאַ ספּעקולירט אין איר ענטפער: זי מיינט אַז וואַרשיינלעך האָט עס געראַטעוועט איר לעבן, דאָס לעבן פון מאַנדעלשטאַמס פרוי.

מיר ווייסן אָבער אויף קלאָר: פאַר דער פריערדיקער פּאָעמע האָט מאַנדעלשטאַם באַצאָלט מיטן לעבן.

ער ווערט נאָכאַמאָל אַרעסטירט אין 1937. געשטאָרבן איז ער דעם 27טן דעצעמבער 1938, אין אַ טראַנזיט־לאַגער נעבן וולאַדיוואָסטאָק: „וטאָראַיאַ רעטשקאַ״.

ברענגען מיר דאָ דאָס ליד, פאַר וועלכן אָסיפּ מאַנדערשטאַם האָט באַצאָלט מיטן לעבן.

די איבערזעצונג (פון רוסיש) האָט געמאַכט דער פּאָעט יאַניע פּיין.

מיר לעבן ניט פילנדיק אונטער זיך דאָס לאַנד,  
צען שפּרייזן ווייטער איז אונדזער וואָרט  
אומבאַקאַנט.

און דאָרטן, ווו האַלבע רייד זענען נאָך פאַראַן,  
ווערט דערמאָנט דער קרעמל און דער באַרג־מאַן.

זיינע פינגער זענען ווי ווערים דיק און פעט אַזוי,  
און זיינע ווערטער, ווי פודיקע געוויכטן, גענוי.

עס לאַכן די וואָנצעס וואַנציק,  
די שטיוול זענען גלאַנציק.

אַרום אים איז אַ כאָפּטע, וואָס האַלט אין אײן  
בענטשן,  
פירער, וואָס זענען בלויז האַלבע מענטשן.

איינער פייפט, איינער מיאַוקעט, איינער בעט,  
בלויז ער אַליין ווייבערט אַרום און ווערט פעט.

ווי פּאָדקאָוועס שמידט ער אַ געזעץ נאָך אַ געזעץ,  
צווישן די פיס, אין שטערן, אין די ברעמען,  
אין די אויגן אַ זעץ נאָך אַ זעץ.

דער מישפּט און דער בילבול — האַנט אין האַנט,  
די ברייטע ברוסט פונעם אָסעטין איז באַקאַנט.

---

טיקע נאָכטראַכטונגען און צווייפלען, צי מאַדאַם ווישניעווסקאַ איז אין דער אמתן די, וועלכע זי זעט אויס צו זיין.

כדי איבערצורייסן די אַנטשטאַנענע הוילקייט אין מוח, האָט נאָוואַק נישט געפונען קיין אַנדערן אויסוועג ווי צו פרעגן: — איך האָב מורא, אַז איך האָב געשנאָרכט און זיכער געשטערט אייער שלאָף?!

יאָ, איר האָט געשנאָרכט נאָר זייער לייכט, און צעשמייכלנדיק זיך מיט אַ מאַמישן שמייכל האָט זי צוגעגעבן:

— איר האָט אין שלאָף אויסגעזען ווי אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק. איר האָט געהאַט אַן אָנגענעמען שמייכל אויפן פּנים, און יאָ, איר האָט גערעדט עפּעס אַזעלכע מאָדנע רייד. עס האָט געקלונגען פרעמדלעך, מיט אַן אָפּקלאַנג אַזוי ווי ביי גוראַלעס. איר האָט אוודאי געחלומט!...

ווען דער צוג האָט גערירט איז נאָוואַק געשטאַנען ביים פענצטער און מיט די אויגן געזוכט די פרוי פון חלום און די פון דער ווירקלעכקייט. פּאַמעלעך איז פאַרן פענצטער פאַרביי געשוווּמען דער נאָמען פון דער סטאַציע. דאָס איז געווען די שטאָט אין וועלכער ער האָט געמאַכט מאַטורע און אדורכגעמאַכט די ווייען פון אַן ערשטער ליבע צו זיין קוזינע פלאָראַ.

י. מ. לעווין

אַ וואַרעמע און אַ מילד ווינטל האָט געבראַכט דעם ריח פון רייפע אויבסטן פון די נאָענטע סעדער. די שטאָט איז געשלאָפן נאָר דאָס ליכט פון איינצלנע בנינים איז געפלאָסן מיט אַ שטילן ריטעם און ווי גערופן: קום צו מיר.

— וווּהין גייען מיר? האָט די פרוי געפרעגט.

— מאַדאַם ווישניעווסקאַ, מיר זענען איצט ווידער צוויי סטודענטן אויף וואַקאַציעס, און מיר וועלן זיין די שטאַרקע וואָס האָבן נישט קיין מורא, אַז דער בעכער וועט זיך אויסליידיקן. איר וועט שיינען פאַר מיר מיט אַלע חנען ווי די זון האָט געשיינט פאַר זאַראַטוסטראַ. זענט איר מסכים, מאַדאַם ווישניעווסקאַ?

— רוף מיך „לאַראַ".

ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם, זי האָט זיך נאָכגיביק אָנגעהאָנגען.

— וווּ זענען מיר? האָט לאַראַ געפרעגט, כ'האָב נישט באַמערקט דעם נאָמען פון דער סטאַציע.

גליקלעכע געפינען אומעטום זייער גליק, האָט נאָוואַק געוואָלט ענטפערן און פלוצלינג שטיין געבליבן אַ פאַרבליפטער. ער האָט מיטאַמאָל דערקענט דעם שאָסיי, דעם כאַראַקטעריסטישן טורעם פון שטאָט־ראַט, און ער האָט זיך דערמאָנט — אין דער שטאָט האָט ער געלעבט זעקס יאָר.

— וווּהין גייען מיר? האָט לאַראַ ווידער געפרעגט.

— דאָרט, צום ליכט, האָט ער אַרויסגעפליסטערט.

אין האָטעל־צימער האָט ער געוואָלט אָנצינדן די ליכט, לאַראַ האָט ארויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער.

— זאָל אונדז די שטילקייט ארומנעמען. אין איר וועלן מיר געפינען דעם נישט געפעלשטן שלאָג פון האַרץ.

זיי זענען געווען נאָענט און גענאָסן פון פרייד, זיי האָבן אויך אַ סך גערעדט.

— לאַראַ, דו ווייסט, איך האָב געמאַכט מאַטורע אין דער שטאָט וווּ מיר געפינען זיך איצט. איך האָב געווינט ביי מיין טאַנטע, ווייל מיין פאָטער איז פאַראָרעמט געוואָרן און זי, די גוטע טאַנטע האָט מיך אויסגעהאַלטן גאַנצע זעקס יאָר. זי האָט געהאַט אַ טאָכטער, פלאָראַ, איז זי געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו דיר...

— אַזוי, האָט לאַראַ כלומרשט זיך געברוגזט, האָט מיך געטראָפן א רגע פון גליק, וואָס געהערט גאָרנישט מיר, האַ?

ווי פון זיך אליין האָט מיעטשיסלאַוו נאָוואַק אָנגעהויבן אונטערברומען א פסוק פון שיר השירים: „שיין ביסטו ווי די טעכטער פון ירושלים מיט די מילך־ווייסע ציין, ווי די שעפעלעך נאָכן אדורכגיין די וואַסערן פון ירדן... איך האָב געפרעגט די נאַכט־שומרים: האָט איר נישט געזען מיין געליבטע, די הירטין מיט באָרוועסע פיס?... און צו זיין גרויסן שטוינען האָט ער דערהערט לאַראַס קול: איך בין שוואַרץ און שיין ווי די געצעלטן פון קידר, ווייל די זון האָט מיך אָפּגעברענט", „לייג דיין רעכטע האַנט אונטער מיין קאָפּ און מיט דער לינקער נעם מיך אַרום"...

ביידע האָבן גלייכצייטיק אויסגערופן: פון וואַנען קענסטו דאָס?!...

זיין דערציילונג איז געווען אַ קורצע. דער פאָטער אַ סוחר, די מוטער האָט געשטאַמט פון רבנים. אין די יונגע יאָרן געלערנט זיך אונטער דער מוטערס אויפזיכט.

— זיי לעבן נאָך?

— ניין. דו ווייסט דאָך, אַז עס איז געווען אַ מלחמה פון שטן קעגן ליכט...

העשנדיק, מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פנים האָט זיך ביי איר ארויסגעריסן:

— ווי נאָר כ'האָב דיך דערזען האָב איך געאַנט, אַז דו ביזט מיר עפּעס אזוי נאָענט, אזוי ליב... אַנדערש ווי מיין מאַן, וועלכן איך פאַרגעטער, אָבער דיך האָב איך אפשר נישט ווינציקער ליב, ווייל אזוי נאָענט, אַזוי האַרציק נאָענט...

זי האָט אין דער פינצטער גיכער דערשפּירט ווי געזען, אַז אין זיינע טיפע טונקעלע אויגן הענגט אַ פראַגע.

— אויך מיין טאַטע־מאַמע זענען אומגעקומען אין געטאָ. מיך האָט מען באַזאָרגט צו פריינד אויף דער אַרישער זייט. מיין פאָטער איז געווען איינער פון געציילטע ריכטער ־ יידן אין לאַנד. מיין מוטער האָט געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע מיט אַ פרייז. מיינע נייע עלטערן האָבן מיך געכאָוועט ווי אַן אייגן קינד און צוליב מיין אויסזען האָבן זיי נישט געהאַט קיין שוועריקייטן. מיינע עלטערן זענען פרייע מענטשן, און איך באַטראַכט זיי פאַר אמתע טאַטע־מאַמע, חתונה געהאַט האָב איך מיטן פאָטערס ברודערן־זון, וואָס האָט יאָ געוווּסט און נישט געוווּסט מיין אָפּשטאַם. ער האָט זיך נישט געוואָלט גריבלען, ווייל אויך ער איז אַ פרייער מענטש. איך פאַרגעטער אים און איך האָב אים ליב.

ווען נאָוואַק האָט איר נישט געענטפערט מיט אַ פּיפּס, האָט זי שעמעוודיק צוגעגעבן: כ'ווייס וואָס דו טראַכסט. אַז אויב אזוי, וואָס טו איך דאָ, מיט אַ פרעמדן מאַן? אָבער כ'האָב דאָך דיר געזאָגט פריער — פון ערשטן בליק ביסטו מיר געוואָרן נאָענט. קום. איך וועל דיר דאָס דערווייזן...

★

ווען מיעטשיסלאַוו נאָוואַק האָט געעפנט די אויגן האָט ער געזען ווי מאַדאַם ווישניעווסקא פאָרעט זיך מיטן אַראָפּנעמען איר רענצל פון דער פאָליצע.

— לאַראַ!

אַ פאַרוווּנדערטע האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים און צוגעוואָרפן אַ שטרענגן בליק, באַלד זיך צעשמייכלט מיט אַ פאַרגיבדיקן שמייכל.

— גוט מאָרגן! איר זענט איבערגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט מיט איין שאָס. אין פינף מינוט ארום גיי איך אַראָפּ. עס וואַרטן אויף מיר מיינע קינדער.

ער האָט זי כמעט נישט דערקענט. די נאַכט האָט צוגערויבט ביי איר די יוגנטלעכע חנעוודיקייט. ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז ביי די שלייפן זילבערן זיך אירע העל־בלאַנדע האָר מיטן ספּעציפישן גלאַנץ פון גרויקייט אין זונענשיין. די קישעלעך אונטער די אויגן, די קנייטשן ארום דעם מויל און דער פאַרדאגהטער בליק מיטן שאָטנדל פון אומזיכערקייט האָבן אים דערמאָנט אין זיינע נעכ־

— אזוי. אַלזאָ איר האָט די רעכט צו רעדן. איך וועל אייך גערן הערן.

— די ערשטע דיגרעסיע צווישן טעאָריע און לעבן איז דער דראַנג פון יעדן מענטש נאָך אייגן גליק, וואָס דאַרף זיין אַן אַקט פון געבן פון זיך, און אין דער אמתן איז עס אַן אַקט פון נעמען. דער היפּוך וואָס זאַראַטוסטראַ האָט געזאָגט צו דער זון.

— אָ, דו גרויסער שטערן! וואָס וואָלט געווען דיין גליק, אויב דו וואָלסט נישט געהאַט פאַר וועמען צו שיינען! זע! מיין קלוגשאַפט איז מיר געוואָרן איבערדריסיק, ווי די בין, וואָס האָט צופיל האָניק געזאַמלט. איך דאַרף האָבן הענט, וואָס זאָלן זיך אויסשטרעקן. מיר ווילט זיך פאַרטיילן און פאַרשענקן פונעם בעכער, וואָס האַלט ביים איבערגיסן זיך... זע דער בעכער זאָל ווידער ווערן ליידיק און זאַראַטוסטראַ זאָל ווידער ווערן מענטש".

— מאַדאַם ווישניעווסקאַ! איך דאַנק אייך פאַר דעם פאַרגעניגן וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפן. איר האָט עס אַזוי פּרעכטיק געזאָגט!... אָבער צי איז עס אַזוי אין לעבן, ווי מיינט איר?...

— עס קען זיין אַזוי אין לעבן נאָר ביי די שטאַרקע נאַטורן, וואָס האָבן נישט קיין מורא, אַז זייער בעכער וועט ליידיק ווערן, ווייל מיטן אויסליידיקן זיך הויבט זיך אָן דער ווידעראויפבוי. דער דראַנג צו גליק איז אייביק.

— נו, איר רעדט וועגן שטאַרקייט פון ווילן, און וואָס איז וועגן צופאַל, אָדער ווי מענטשן רופן עס „גורל"? קענט איר פאַרבינדןביידע עלעמענטן, וואָס איינער איז איינגעפּעסטיקט אין דער פּסיכיק פונעם יחיד און דער צווייטער עלעמענט וואָס הייסט: „צופאַל" שוועבט ארום אַ נישט אַנטדעקטער ביז ער ווערט מאַטעריאַליזירט?

מאַדאַם ווישניעווסקא האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך ארויסגעפליסטערט:

— איך האָב דאָך אייך פריער געזאָגט, אַז איך געפין זיך אין אַ שניי־שטורעם נישט ווויסנדיק דעם וועג און דעם וויאַזוי פון אים ארויסצוקומען!

די באַן איז געלאָפן. פון צייט צו צייט האָט זי ארויסגעלאָזן אַ פייף אין דער נאַכט, אַז די שלאָפנדיקע פייגל אויף דיביימער האָבן זיך אויפגעכאַפּט צעפלאָשעטע, מיט אַ נאַכטיקן אויסגעשריי.

עס האָט נאָוואַקן געצויגן צו דער יונגער פרוי און אין דמיון האָט ער זי גערופן: לאַראַ. אַזאַ שיינע און געראָטענע, האָט ער געטראַכט, מיט א נישט דורכשניטלעכער אינטעליגענץ, וואָס מער, דער טאָן פון אויפריכטיקייט, וואָס האָט געקלונגען איבערצייגנדיק, האָט באַקרעפטיקט, אַז אירע רייד זענען נישט סתם געוואָרפן אויפן ווינט, נאָר דורכגעטראַכטע, מעגלעך פון אייגענער דערפאַרונג. אָבער זי איז דאָך אזוי יונג, ווען האָט זי באַוויזן איינצוזאַמלען אַזאַ עשירות פון געדאַנק? עס האָט אים פאַרוווּנדערט איר חריפות, די פּראָס און קאָנטראַס פון אַרגומענטאַציע, אַן ענלעכע צו דער שאַרפקייט פון אַ תלמודיסטישן מוח וועגן וועלכע ער האָט זיך אין זיין פאָטערס הויז א סך אָנגעהערט. ער האָט אין דער פאַרטונקלקייט פון די לאָמפּן געגומען זיך איינקוקן אין איר.

אפשר איז זי גאָר אַ יידישע? די בלאָנדקייט קען זיין אַ קינסטלעכע. אָבער די בלויקייט פון די אויגן, דער אָפּענער בליק האָט מיט גאָרנישט דערמאָנט דאָס כאַראַקטעריסטישע שאָטנדל פון פאַר ירשנטן טרויער און וואַכזאַמקייט פון יידישע אויגן. ניין. זי איז נישט קיין יידישע! אפשר, ווער ווייסט, אַ נאָך מלחמה־קינד, אַ רעזולטאַט פון געמישטע עלטערן...

מאַדאַם ווישניעווסקאַ האָט נישט איבערגעריסן זיין אַנטשוויגן ווערן. זי האָט אויף אים געקוקט מיט האַלבפאַרזשמורעטע לאַכנדיקע אויגן.

— איר זענט א בעל־חלומות?...

— אַנטשולדיקט, כ'האָב זיך פאַרטראַכט וועגן...

— איך פרעג נישט וועגן וואָס אָדער וועגן וועמען. כ'וויל אייך נאָר אויפוועקן צו דערווירקלעכקייט, אַז ראָמאַנטיזם איז טויט און אויף אומאומהיילבאַרע ראָמאַנטיקער קוקט מען ווי אויף שלימזלען.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט. מאַדאַם ווישניעווסקאַ האָט פונדעסטוועגן דערכאַפּט, אַז עס האָט אים באַשלאָגן א לייכטע רויטקייט אויפן פּנים און עס האָט איר געשמייכלט זיין קינדערשע פאַרשעמטקייט.

דער געשפּרעך פון די צוויי פרעמדע מענטשן איז וואָס ווייטער געוואָרן ווייניקער אַבסטראַקט, פּערזענלעכער און אינטימער. די טעמעס האָבן זיך געביטן, אָבער דער טאָן איז פאַרבליבן דער זעלבער, א היימישער ווי צווישן צוויי נאָענטע מענטשן.

נאָכן ארומרעדן פרוידן, די טעאָריע פון נישט דערפילטע פאַרלאַנגען פון די, וואָס זוכן גליק און קאָנען עס נישט געפינען, סיידן אין חלום, האָט נאָוואַק באַשלאָסן ארויסצוגיין אין אַן אַטאַק.

— מאַדאַם ווישניעווסקא, זייט מיר מוחל מיין דרייסטקייט. איר האָט דערמאָנט, אַז אייער מאַן געפינט זיך זייער ווייט פון אייך. נו, וואָלט איך געוואָלט פרעגן ווי געפינט איר אייער אינטים לעבן אין זיין אָפּוועזנהייט?

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, פאַרשטאַנען זיין מיין און זיך הילכיק צעלאַכט.

— הער נאָוואַק, מיר לעבן אין 1970, אין אזוי גערופענער פּערמיסיווער געזעלשאַפט, ווען מענטשן פּרוּוון זיך צו באַפרייען פון אַ סך טאַבוס, און איר, אַן אינטעליגענטער מאַן האָט מיך נישט באַדאַרפט פרעגן וועגן זאַכן, וועלכע זענען פּריוואַטער אייגנטום!

— אַנטשולדיקט מיר, איך האָב נישט געמיינט, חלילה, אָנצורירן...

זי האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן.

— איך בין אייך מוחל, ווייל איך פאַרשטיי אייך. געדענקט, אַז איך האָב געלערנט פּסיכאָלאָגיע...

אַזוי האָבן ביידע, הער נאָוואַק און מאַדאַם ווישניעווסקאַ געשמועסט ביז האַלבע נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די באַן האָט זיך געשטעלט און ביידע זענען ארויס אויפן פּעראָן. אַ חוץ דעם סטאַציע־נאַטשאַלניק איז קיין איין מענטש נישט געווען ארום. די נאַכט איז געווען

י. מ. לעווין

# „שיר השירים” אין אַ וואַגאָן־קופּע (דערציילונג)

אין קופּע זענען זיי אַריין כמעט גלייכצייטיק און די רגע פון העפלעכער וואַקלעניש — ווער פריער — האָט בייביידן ארויסגערופן אַ שמייכל.

— איר וועט דערלויבן?

— איר וועט דערלויבן?

איידער זי האָט באַוויזן צו ענטפערן איז איר לייכט רייזע־רענצל שוין געלעגן אויף דער פּאָליצע לעבן פענצטער.

— איר זענט אַ דזשענטלמען...

— שיינע פרויען ווילן אַלעמאָל געווינען...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן: — אפילו נישט האָבנדיק געבעטן הילף?

— יאָ. אפילו.

זיי האָבן זיך צעלאַכט און אַ מעסט געטאָן זיך מיט די אויגן. אירע העל־בלאָנדע האָר און אויגן מיט דער בלויקייט פון „פאַרגעס־מיך־נישט” בלימעלעך האָבן אַ בלענד געטאָן מיט יוגנטלעכער פרישקייט. אויך דער מאַן האָט אויף דער פרוי געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. עס איז אדורכגעלאָפן אַ שנעלע אָפּשאַצונג: ער זעט אויס צו זיין אינטעליגענט — און מיט גוטע מאַנירן.

איר פּאָרט פון ווייט?...

פון מזרח־בערלין. געפאָרן אָפּשטויבן די עטלעכע יאָר פון אומטעטיקייט.

דער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך פאַרנויגט:

— מיעטשיסלאַוו נאָוואַק, אינזשיניער פון באַן־וועזן. געפאָרן אויף אַן אינספּעקציע.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ ווייך הענטל.

— לאַראַ ווישניעווסקי. אַ באַשיידענע היים־זיצערין. צוויי טעכטערלעך און אַ מאַן אַ פליענדיקער האָלענדער...

— איך פאַרשטיי נישט.

ס'איז פּשוט. א שיפס־קאַפּיטאַן אין טעטיקער דינסט. איצט אין דער אַנדערער זייט וועלט, אין פּאַנאַמאַ.

— אַנטשולדיקט מיין דרייסטקייט. איר זענט אַזוי יונג און צוויי קינדערלעך?...

— איר זענט אַ פלאַטערער, האָט זי זיך צעשמייכלט, איך בין שוין נישט אזוי יונג... אויסערלעכע פאָרם איז ווי געוויינטלעך אילוזאָריש.

— כ'בין מסכים מיט דער פעסטשטעלונג, האָט ער צוגעשטימט, נאָר נישט אין אייער פאַל! און ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז זי שטעלט אויף אַ קינסטלעך שוץ־ווענטל, ווי עס טוען געוויינטלעך פרויען ווען זיי רייזן אָן אַ באַגלייטער.

דער וואַגאָן איז געווען האַלב־ליידיק, אין קופּע נאָר ער און זי. דאָס האָט געשאַפן אַן אוממיטלבאַרע היימיש־קייט, און די צוויי פרעמדע מענטשן האָבן זיך געפילט באַפרייט פון די אָנגענומענע קאָנווענאַנסן, וואָס רעגירן מיט מענטשן ווען אין א ציבור.

— מאַדאַם ווישני־עווסקאַ, מעג איך פרעגן וואָס פּאַראַ סאָרט שטויב, ווי איר האָט זיך אויסגעדריקט, זענט איר געפאָרן אָפּשטויבן?

— יאָ. איך האָב געוואָלט מאַכן אַ רעוויזיע פון דעם, וואָס מען האָט איינגעקנעלט מיט מיר במשך פון פיר לאַנגע יאָרן. איך וויל מאַכן פאַרגלייכן צווישן טעאָריע און דערפאַרונגען, ווו עס געפינען זיך שטויבלעך אמת און ווו פאַלשקייט, אילוזיעס, בעסער געזאָגט — פאַלש אָנגענומענע באַגריפן.

— איך פאַרשטיי. אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן בוך און לעבן. זענט איר געקומען צו אויספירן?

— נאָך נישט. נאָר כ'פיל עס גייט אויף מיר אַ לאַ־ווינע פון קעגנזעצלעכע שטראָמען און איך געפין זיך ווי אַ פאַרלוירענע אויף אַ שנייפעלד צווישן הויכע בערג בשעת ס'ווילדעוועט אַ שניי שטורעם ארום מיר.

— זייער מאָלעריש געשילדערט. איר זענט, זייט מיר מוחל, זיכער אין אַ קאָנפליקט מיט זיך אליין... ווייל איך איך פאַרזיכערן, אַז איר זענט נישט דער איינציקער מענטש און נישט די איינציקע פרוי אין אַזאַ גייסטיקן מעמד. קוקט זיך צו צום מאָדערנעם לעבן. אַלץ רעשט, לויפט מיט דער געשווינדקייט פון בליץ־אימאַזשן באַנוצטע לעצטנס אין טעלעוויזיע. כ'פאַרשטיי פאַרוואָס די טעלע־וויזיע באַנוצט זיך מיט אָט די בילדער, וועלכע געדויערן אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע, ווייל לויט די געזעצן פון ראַציאָנאַליזירטן קאָמערץ מוז מען אריינפּאַקן וויפיל נאָר עס לאָזט זיך אין דער מעגלעך קירצסטער צייט. „טיים איז מאַני” האָבן די ענגלענדער צי אמעריקאַנער געשאַפן אַ סלאָגאַן.

— איר זענט גערעכט. פון די בליץ־בילדער, ווי איר רופט עס, בלייבט טאַקע גאָרנישט אין זכרון. פּשוט, זיי ווערן רעגיסטרירט אין מוח — און באַלד פאַרגעסן. צו קורץ דער דויער צו לאָזן אַן איינדרוק. אָבער אין לעבן טרעפט, אַז אַן אויפבליץ פון אַן איינדרוק אָדער אַ ספּאָנטאַ־נער אויפגלי פון אַ געפיל קען ארויסרופן אַן אויסווירק אויף אַ לענגערן צייט־אָפּשניט, אַ מאָל אפילו אויפן גאַנצן לעבן.

— איר רעדט וועגן אמתע געשעענישן?

מאַדאַם ווישניעווסקאַ האָט נישט באַלד געענטפערט.

— ניין און יאָ. נאַטירלעך רעד איך נישט וועגן פער־זענלעכע איבערלעבונגען. דאָס בלייבט פאַר יעדן אינדי־ווידואַל זיין פריוואַט־אייגנטום.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן פאַרמאַכטע אין זיך.

איר זענט גערעכט מאַדאַם ווישניעווסקאַ, איך ווייס נישט צי איך בין באַרופן אָנטייל צו נעמען אין אַ געביט, וואָס איז מיר נישט צופיל באַקאַנט. איך בין אויסגעשולט געוואָרן אין טעכנאָלאָגיע פון באַנענבוי, איר זעט אויס האָט שטודירט אַנדערע קעגנשטאַנדן ווי איך.

— פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע.

יאוש־זינגער און אַזוי פאַרבייגייענדיק זיי טרינקט זי זיך אָן מיט אַלע זאַפטן און שיינקייטן פון ייִדישער שעפערישקייט. טראָץ אַלע שוואַרצע נביאותן גלויבן מיר, אַז ייִדיש וועט קיינמאָל נישט פאַרשווינדן. איר קולטור איז צו גרויס, צו אייביק און צו טיף זי זאָל קענען פאַרשווינדן.

מיר, די ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן זענען נישט סתם פאַרליבטע אין ייִדיש, ווייל זי איז שיין און מלא חן, נאָר ווייל זי איז אויך היינט, טראָץ אַלעם וואָס איז געשען דורכן ברוינעם נאַציזם און רויטן טאָטאַליזם — איז זי נאָך אַלץ אַ מעכטיקע דאַמבע קעגן די אַסימילאַציע־כוואַליעס, איז אַ צעמענטירנדיקער כוח וואָס זי פאַראייניקט ייִדישע ישובים אין אַ וועלט־פאָלק און וואַרפט אריבער אַ בריק צווישן ייִדן מיט פאַרשיידענע לאַנד־שפּראַכן. צוליב די אָנגעמערקטע טעמים איז ייִדיש איינער פון די הויפּט־עיקרים אין אונדזער שול.

פאַרנעמען מיר זיך נישט היינט מיט קריטיקירן די אַנדערע שולן וואָס זענען אזוי ווייט פון ייִדיש לשון, במילא אויך פון אונדזער רייכער מזרח־אייראָפּעאישער ייִדישקייט, וואָס איז געקנאָטן און געפורעמט געוואָרן אין ייִדיש. ייִדיש־פאָלקסטימלעכע ציוניסטן פילן און פאַרשטייען עס אפילו ווען זיי זענען אין ישראל העברעער.

עס דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד ווען כ׳בין געווען אין ישראל און מיר איז אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין אַ גרויסער פייערונג אין תל־אביב לכבוד אַ יובל־נומער פון „די גאָלדענע קייט”.

אין מיין באַגריסונג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ראָל פון ייִדיש אין אונדזער לעבן און אויף די קדיש־זאָגער נאָך ייִדיש וואָס שיטן דערמיט צו אַ לאָפּאַטע קבר־ערד... איך האָב דערביי דערמאָנט אָפּאַטאָשוס אַ וואָרט, וואָס כ׳ציטיר דאָ: „מיר האָבן דאָך שוין נישט איינמאָל געזען, אַז תמיד ווען עס האַלט ביי יציאת־נשמה, ביי גסיסה, ווי עס האָט געהאַלטן אין די צייטן פון אַנטיכות עפּיפאַנוס, האָט אין ערגעץ אין אַן עק, אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, מודיעין, זיך אָנגעצונדן א פלעמל און געוואָרן אַ פלאַם וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, און עס צוריק מחיה־מתים געווען”.

נאָך מיר האָט דאַן באַגריסט אין נאָמען פון ועד־הפועל פון הסתדרות, בצלאל שחר. ער האָט אָנקניפּנדיק אין מיין וואָרט אונטער געשטראָכן, אַז מען קען נישט זיין אַזאַ גוטער ייִד אין ענגליש, אָדער אין פראַנצויזיש, אָדער אין אַן אַנדער שפּראַך, אפילו נישט אין העברעיש אין חוץ־לארץ, ווי מען קען עס דווקא זיין אין ייִדיש”. אָט דאָס טענהן מיר דאָך כסדר! קען דען א ייִדישער ייִד זאָגן אנדערש? — — —

דערציילט אונדז דאָך דער תנ״ך ווי ירמיהו האָט אָנגעזאָגט די גלות־גייער זיי זאָלן מיט זיך מיטנעמען דעם הייליקן פייער פון מזבח, וויל איך דאָס מצרף זיין מיט אַ טיף וואָרט פון א גרויסן גאון, דעם חפץ חיים, ווען מער האָט אים דערציילט, אז מען גייט לערנען ייִדישקייט אין פּויליש אין די „פּאָווּשעכנע”־שולן. האָט דער חפץ חיים געענטפערט אויף דעם מיט אַזאַ וווּנדערבאַרן משל: עס איז פאַראַן פייער און עס איז פאַראַן אַ הייסער טעפּל און דער חילוק צווישן זיי איז אַן אומגעהויער; פייער ווו מען טראָגט עס בלייבט עס פייער, ווען מען צינדט אָן אַ צווייטע זאַך ווערט דאָס צווייטע אויך פייער, און אַזוי קען מען ווייטער אָנצינדן אַ דריטע און אַ פערטע זאַך און אַלץ וועט בלייבן פייער. אָבער אַ הייסער טעפּל איז נאָר הייס ווען מען האַלט אים לעבן פייער. רוקט מען אים אָפּ ווערט ער לעבלעך און קאַלט. און אַפילו פון אַ הייסן טעפּל, אַז מען גיסט נאָר איבער אין אַ צווייטן און פון אַ צווייטן אין אַ דריטן, איז שוין דאָס איבערגעגאָסענע אין גאַנצן קאַלט...

ייִדיש לשון האָט אין זיך דעם פייער וועגן וועלכן דער חפץ חיים האָט גערעדט. עדות זענען אונדזערע שול־יום־טובים. איר זעט עס אַזוי באַשיימפּערלעך ווען אונדזערס אַ קינד טרעט אַרויס אויף אַ יום־העצמאות־פייערונג. א קינד פון אַ ייִדישע שול, פון אַ ייִדיש־רעדנדיקער היים האָט נאָך עפּעס פון דעם ייִדישן פלאַם וואָס איבערצוגעבן זיינע קינדער, אָבער יודאַאיזם אין ענגליש — דאָס איז שוין נאָר — אַ טעפּל וואָס איז נאָר הייס אַזוי לאַנג ווי מען האַלט לעבן פייער. רוקט ער זיך אָפּ פון אים — ווייסן מיר וואָס עס ווערט...

צו די הויפּט־יסודות קומען צו דער לימוד פון ייִדישן לימוד, דער לימוד העברעאיש. קומען דאָך קינדער היינט פון היימען וואָס זענען אויסגעליידיקט פון ייִדישע טראַדיציעס, פון ייִדישע יום־טובים און מנהגים, און דאָס קינד דאַרף פון דער שול אַריינברענגען אין דער היים! אין דער דערציאונג פון אונדזער שול פאַרנעמט זייער אַ וויכטיקן אָרט די היינצייטיקע לאַגע פון אונדזער פאָלק, מדינת־ישראל און די תפוצות, זייער בשותפותדיקייט און די התחייבותן לגביי זיי — אָט מיט דעם אַלעם פון אונדזער שול־טעטיקייט קומען מיר צו די ייִדישע קינדער.

אונדזער וויזיע, איז צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די ש״ע־שול. זי דאַרף גיין פאָרויס! זי דאַרף מער קינדער געבן אַ ייִדישע דערציאונג און צו דעם פאָדערט זיך אַ גרויסע אינוועסטיציע — דאָס איז די זיכערסטע אינוועסטיציע! — מער קלאַסן, שול־צימערן און אויך מער שול־טוערס, אַ גרעסערע פעריפעריע אַרום דער שול מצד אירע פריינד און עלטערן. יאָ, ביי די עלטערן מוז אויך די שול פאַרנעמען אַ גרעסערן אָרט אין זייער לעבן ווי עס איז ביז איצט!

מיר האָבן גוטע אידעאַליסטישע שול־טוערס. דאָס אַלץ איז טאַקע גאַנץ גוט, אָבער נישט גענוג. די אַלטע ווערן עלטער און מידער, דאַרפן דעריבער יינגערע זיך שטעלן צו דער אַרבעט און געבן אַ האַנט צו פאַרגרעסערן די שול.

האָב איך דאָ געמאַכט אַ שטיקל דין וחשבון פון אונדזער נעכטן ביז היינט, און כ׳וועל זאָגן בפה מלא, אַז דער נעכטן איז אַן אַרויספאָדערונג, אַ „טשאַלענדזש” פאַרן היינט בכדי צוצוגרייטן זיך צום מאָרגן.

———————

יצחק קאַהאַן

# שלום עליכם־שול — צו נייע פאַרמעסטן

נאָך קיינמאָל אין אונדזער געשיכטע זענען מיר נישט געשטאַנען פאַר אַזאַ גרויסן נסיון, פאַר אַזאַ בלינדער וואַנט אַרום דעם פראָבלעם פון קיום־האומה, ווי מיר שטייען היינט.

וואָס אָן אמת קיינמאָל האָט נישט געפעלט קיין נאַציאָנאַלע דעזערציע. מען איז אַריבערגעלאָפן אויף יענער זייט פלויט פון יידישן לעבן, ווייל דאָס פרעמדע האָט געלאָקט און פאַרפירט — אָנהייבנדיק פון די יידישע משומדים ביז די כל המינים אַסימילאַטאָרן־אַריבערלויפער אין אַלע צייטן, וועלכע זענען פאַרשלונגען געוואָרן אין די כוואַליעס פון פרעמדע קולטורן — אָט די דערשיינונג איז תמיד געווען אין דער יידישער געשיכטע. אָבער קיינמאָל האָבן אַזעלכע גרויסע צאָלן יידישע קינדער נישט געהאַט די היינטיקע מעגלעכקייטן און באַדינגונגען אַריינצוזאַפן אין זיך אַזוי פיל נישט־יידישע קולטור, וואָס האָט פאַרפרעמדט זיי לחלוטין פון יידישן לעבן. צי איז דען נויטיק איך זאָל דערציילן וועגן דעם שטאַרקן דרוק אויף זיי פון דער גאַס? — אַ וואָרט וואָס זאָגט מער ווי גאַנצע ביכער — פון דעם גאַנצן אַרום, וועלכער רייסט אַוועק אין אַ פרעמדער וועלט, וואָס זעט זיי אויס צו זיין באַקוועמער און לייכטער ווי די יידישע וועלט פון זייערע עלטערן? — — —

כדי דאָס צו פאַרהיטן איז נאָר דאָ איין מיטל, אַן אויסגעפרוווטער, און דאָס איז: — יידישע דערציאונג! נאָר די וואָס באַקומען עס וועלן בלייבן מיטן פאָלק און זאָרגן וועגן זיין קיום אפילו ווען דאָס וועט פאָדערן קרבנות. אַזאַ דערציאונג גיט די יידישע שול.

אין אונדזער שול פאַרנעמען די לימודים פון יידישער געשיכטע און יידישער ליטעראַטור דעם אויבנאָן. פאַרוואָס? — ווייל פון זיי פליסט ליבשאַפט צום פאָלק און זיינע ראַנגלענישן. דורך זיי ווערן די קינדער מער צוגעבונדן צו דער וועלט פון זייערע עלטערן און צו די גייסטיקע אוצרות פון פאָלק. עס אַנטפלעקט פאַר זיי פון וועמען זיי שטאַמען — פון אַן אַלט אויסגעפרוווט פאָלק, דאָס עלטסטע קולטור־פאָלק אין דער וועלט־געשיכטע, פאַר וועמענס אויגן עס איז דורכגעגאַנגען גאַנץ אייראָפע פון באַרבאַריי ביז ציוויליזאַציע, אַז דאָס איז זיין פאָלק וואָס האָט געגעבן דער מענטשהייט צוויי רעליגיעס אויף זיין געשיכטלעכן וועג, און איז זיך מיט שטאָלץ ווייטער געגאַנגען זיין אייגענעם וועג קעמפנדיק מיט מסירת־נפש און מיט קידוש־השם איינצוהאַלטן זיין נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, אויפצוהאַלטן אָט די אַלע גרויסע ווערטן וואָס ער האָט געשאַפן במשך פון זיין העראָאישער פיר־טויזנט־יאָריקער דראַמע פאַר קיום.

יידישע געשיכטע און יידישע ליטעראַטור זענען ווי אַ סיאַמער צווילינג אין אונדזער שול. זיי גייען האַנט ביי האַנט, ווייל ווען דאָס קינד ווערט עלטער און באַנעמט שוין טיפער מיט זיין געפיל און פאַרשטאַנד, אַז הינטער אים שטייען שוין לאַנגע רייען יידישע דורות, ווען ער דערפילט שוין זייער וואַרעמען אָטעם, דאַן קומט צו אים די יידישע ליטעראַטור און מאָלט פאַר אים מיט קינסטלערישע פאַרבן דאָס לעבן, די געשטאַלטן, די מנהגים און טראַדיציעס — דאָס גאַנצע אייגנאַרטיקע שטייגער־לעבן פון זיינע זיידעס און באָבעס מיט זייערע רייד און תנועות, טרויער און פרייד און די שילדערונגען פלאַנצן אין האַרצן און אין דער מחשבה פון קינד דרך־ארץ און ליבשאַפט צו זיי. עס גייט אַריין אין אים דער געפיל און באַוווסטזיין פון זיין שייכות מיט די דורות פאַר אים און די התחייבות וואָס ליגט אויף אים, ווייטער צו שפינען דעם יידישן פאָדעם. און דאָס מיינט נישט נאָר פילן און טראַכטן, זיך פרייען און ליידן צוזאַמען מיטן פאָלק, נאָר אויך זיין שעפעריש און אַקטיוו אין יידישן לעבן און אין יידישע טעטיקייטן.

קום איך איצט צו אַ צווייטן עיקר: אונדזער יידישע שול איז נישט סתם אַ שפראַך־שול אין יידיש לשון, נאָר אַ קולטור־שול. דאָס מיינט, אַז זי לייגט דעם הויפט־טראָפ אויף די גרויסע עטישע און גייסטיקע ווערטן וואָס עס טראָגן מיט זיך די אַלטע היסטאָרישע יידישע קולטור און די נייע וועלטלעכע יידישע קולטור. ווייסן מיר דאָך אַלע, אַז דאָס יידישע לעבן איז אין דער לעצטער תקופה געוואָרן שטאַרק פאַרוועלטלעכט. יידישקייט איז פאַר אונדז אַ קולטור־סיסטעם וואָס שליסט איין נישט בלויז רעליגיעזע נאָר אויך וועלטלעכע קולטור, אָבער אויך דאָס וועלטלעכע דאַרף זיין יידיש פאַראייגנט, וואָס פירט צום פאָלק און נישט אַוועק פון אים. דאָס איז אונדזער וועלטבאַנעם און אין דעם גייסט וויל די יידישע שול, פונקט ווי עס טוט די יידישע ליטעראַטור, דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע, דאָס אוניווערסאַלע און הומאַניסטישע אַרומצונעמען און דורכלייכטן דורך אַ יידישער נאַציאָנאַלער פריזמע.

יידיש לשון איז אויך אַן עיקר אין אונדזער שול, ווייל יידיש איז נישט נאָר אַ שפראַך נאָר אַ גאַנצע יידישע ציוויליזאַציע אין וועלכער עס שפיגלט זיך אָפ די נשמה פון פאָלק פאַר די לעצטע טויזנט יאָר. יידיש איז תפילה און טרייסט, שיינקייט און טרויער. עס איז אונדזער הלכה און אגדתא און די וויזיע פון אונדזער פאָלקס־אייביקייט. אויב עס זענען פאַראַן ניסים אין אונדזער געשיכטע געהערט זיכער צו זיי דער גרויסער וווּנדער־פענאָמען פון אונדזער יידיש לשון, וואָס האָט זיך אַזוי צעבליט דורך עטלעכע דורות מיט אַזוי פיל גייסטיקע אוצרות, מיט די אַלע פאַרבן און ריטמען פון אונדזער ליטעראַטור און קונסט.

איך ווייס פון דער שוואַרצער נביאות, אַז יידיש גייט אונטער. מיר האָבן דאָך אַ גאַנצן לעגיאָן מעצענאַטן וואָס שטיצן מיט אַזאַ ברייטער האַנט די וויזיע פון איר יציאת־נשמה... אָבער איז דען דאָס ניי? שוין עטלעכע דורות ווערט יידיש־אונטערגאַנג געזונגען דורך אַזוי פיל פאַרשיידענע טענאָרן און יידיש לשון גייט זיך פאַרביי די אַלע

„אין אונדזער דעגענערירטער צייט
פון וואָס פּאַראַ עלעמענט ער זאָל עס נישט באַשטיין
איז דער מענטש געווען
אַ טיראַן, אַ פאַררעטער אָדער אַרעסטאַנט...״

טאָ לאָמיר טאַקע כאַפּן אַ בליק אויף די דאָזיקע פאַרשידענע מענטשלעכע עלעמענטן, איבער דער אַלגעמיינער וועלט.

דאָס גרויסע און מעכטיקע דעמאָקראַטישע אמעריקע און אויך אַלע אַנדערע פרייע דעמאָקראַטישע מלוכות אין דער וועלט, האָבן אַנטוויקלט אַ מעכטיקע טעכנישע „ציוויליזאַציע״ בכדי צופרידנשטעלן אין דער גרעסטער מאָס די באַדערפענישן פון זייערע מענטשלעכע עלעמענטן אויף אַלע געביטן. איז דאָך געווען ריכטיק און פאַרשטענדלעך, אַז די אַלע ניי אַנטשטאַנענע אידעאָלאָגיעס און באַפרייטע פעלקער וועלן על כל פנים וועלן נאָכקאָפּירן די „טעכנישע ציוויליזאַציע״ בכדי אויך אויפצוהויבן דעם ניוואָ און לעבנס־סטאַנדאַרט פון זייערע ברוינע, שוואַרצע און געלע בירגער און ברידער — האָבן זיי אָבער „איבערגעחזרט די געשיכטלעכע כוחות״ און אויך איבערגעחזרט די נביאותן פון פּושקינען מיט די „נקמה״, „פּעטראָ־דאָלאַרן״ און „באַפרייערישע״ פאַראָלן... וואָס האָבן פאַרן הויפּט־ציל צו ווערן די האַרן איבערן טויט און לעבן פון פעלקער און מלוכות — מדינת ישראל בתוכם.

און אויב ס׳זענען ניט פאַרשטענדלעך די „געשיכטלעכע איבערחזרונגען״ פון די אזוי גערופענע „נישט אַנטוויקלטע״ מלוכות, איז שוין גאָרנישט פאַרשטענדלעך די דאָזיקע „געשיכטלעכע איבערחזרונגען״ ביי די אזוי גערופענע „גוט אַנטוויקלטע״ פרייע דעמאָקראַטישע מלוכות און פעלקער... זיי, די פירער פון די דאָזיקע פרייע מלוכות האָבן דאָך שוין אזוי פיל געלערנט טעאָרעטיש און פּראַקטיש, אַז פאַשיזם, נאַציזם און קאָמוניזם זענען פון איין טייג געקנאָטן און זייער הויפּט־ציל איז: פאַרשקלאַפן, צונעמען די זעלבשטענדיקע פרייהייט און שעפערישקייט ביי דעם מענטשלעכן מין, און דאָך... גייען זיי ווייטער מיט אַ פאַטאַליסטישע הכנעה אויף די דרכים פון אויסמיידן פאַרמעסטן האָבנדיק אין זין, אַז זיי וועלן איבערלעבן...

די רעזולטאַטן פון דעם שפּאַנישן בירגער־קריג אין יאָר 1938 האָבן גאָרנישט באַווירקט און געלערנט און ביים היינטיקן טאָג זענען די געשעענישן אין דעם מיטעלן און ווייטן מזרח און אויך אַנדערשוווּ, כמעט אַן איבערחזרונג, דאָך גייען — די דעמאָקראַטישע מלוכות מיט דעם מעכטיקן און גרויסן אַמעריקע — אויף די זעלבע הכנעהדיקע און קריכערישע וועגן פון נישט קעגנשטעלן זיך די פאַרגוואַלטיקונג פון מענטשלעכע און פאָלקישע רעכטן. נאָכמער — די זעלבע פרייע — דעמאָקראַטישע מלוכות, וועלכע האָבן אַנטוויקלט זייערע טעכנישע רעסורסן כדי צו פאַרזיכערן די אַלגעמיינע מענטשהייט, אַז מען זאָל קענען געניסן פון דעם אַלעמען וואָס די נאַטור און מענטשלעכער שכל קענען געבן, זענען אריין אין אַ פאַזע פון געבן טעכנישע און מאַטעריעלע הילף צו אַזעלכע מלוכות און נאַציעס, וואָס זייער ציל איז: מאַכט־פּאָליטישע שטרעבונגען און גרויסקייט־שגעון, ענלעך צו דעם, וואָס האָט אַמאָל געהייסן „נאַציאָנאַל סאָציאַליזם״ אָדער וואָס הייסט היינט־צו־טאָג „נאַציאָנאַל קאָמוניזם״... כאָטש זיי דערשיינען אין פאַרשיידענע פאָרמען און געשטאַלטן!

אין א יאָר ארום — אין 1979, ווערט 40 יאָר זינט עס איז אויסגעבראָכן די 2־טע וועלט־מלחמה. א מלחמה, וואָס האָט מיט אירע באַרבאַרישע מיטלען נישט קיין שום פאַרגלייך אין דער וועלט־געשיכטע. און טאַקע אין אָנבליק פון דער שוידערלעכער באַרבאַרישער וועלט־מלחמה, אין וועלכער די וועלט האָט באַצאָלט דעם טייערן פּרייז פון 29 מיליאָן קרבנות, דערונטער 6 מיליאָן יידישע פרויען, מענער און קינדער — האָבן די מאָדערנע, אַפּלוענטישע מענטשלעכע עלעמענטן גאָרנישט געלערנט און באַמיען זיך אפילו נישט אָנצונעמען מיטלען, אַז אַזעלכעס זאָל זיך נישט איבערחזרן בכדי צו באַשיצן די קומענדיקע דורות פון די גוט באַקאַנטע סכנות — טויט און פאַרניכטונג.

אַז מען קוקט זיך צו ווי אַזוי די פירער פון דעם דאָזיקן דור, און דער דאָזיקער דור איז דאָך געווען אויסגעוויטיקט אין קאַמף און אין בלוט, ווילן ווייטער אויסמיידן דעם „פאַרמעסט״ און ווילן ווייטער „נאָר איבערלעבן״, דאַן קומט אַ פעסימיסטישער געדאַנק אריין אין מח, אַז אַזאַ דור פאַרדינט באמת נישט קיין בעסערן גורל... און אפשר, אפשר קען אויך מקוים ווערן די נביאות פון דעם משולח אין אַן־סקיס ׳דיבוק׳, „אז דורך אַ שטאַרקע ירידה, קומט אַ גרויסע עליה״, און אפשר טאַקע וועלן די פירער פון דער פרייער, ציוויליזירטער דעמאָקראַטישער וועלט דאָך דערזען די טיפקייט פון דער מאָראַלישער און גייסטיקער ירידה אין דער אפלוענטישער דעהומאַניזירטער־ציוויליזירטער געזעלשאַפט, בכדי צו קענען דערגיין צו דער עליה פון עטיק, מענטשלעכקייט יושר און גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער וועלט־מענטשהייט מיט דעם געפּלאָגטן און צעניזיקטן יידישן פאָלק בתוכם — הלוואי?!

מיר באַגריסן אונדזער פריינד

**סערזש ליבערמאַן,**

רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אָפּטיילונג

צו דער געלעגנהייט פון באַקומען דאָס ערשט אָרט אין אַ ליטעראַרישן קאָנקורס, פאַר אַ דערציילונג.

מיר ווינטשן אים דערפאָלג אין זיין ליטעראַרישן שאַפן.

רעד.: מעלבורנער בלעטער

פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אמעריקע בראש מיט — אַלעקס קאַלקין. ס'איז געקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע פון אינטערנאַציאָנאַלן אוישוויץ־קאָמיטעט מיט דר. מאָריס גאָלדשטיין אין דער אָנפירונג. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז פון אוישוויצער אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט זענען יידישע קאַצעטלער פאָרשטייער ארויסגעוואָרפן געוואָרן, נאָך אין יאָר 1967.

צו די פייערונגען איז אויך געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער צייטוננג „מאָרגן פרייהייט" מיט פסח נאָוויק בראש, פון קאַנאַדע איז געקומען דער רעדאַקטאָר יהושע גערשמאַן פון „קאַנאַדער וואָכנבלאַט", (אַ פראָ־קאָמוניסטישע צייטונג), פון די אַנטי נאַצי־קעמפער אין ישראל איז געקומען אברהם ניומאַן — פירנדער טוער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ישראל, פון „איקוף" איז געקומען מיט אַ דעלגעאַציע גדליה סאַנדלער, פון דער פאַריזער „נייע פרעסע" (קאָמוניסטישע צייטונג) דער רעדאַקטאָר שאַרל שטיינמאַן. גרויסע יידישע דעלעגאַציעס זענען געקומען פון: סאָוועט־רוסלאַנד; יוגאָסלאַוויע; טשעכאָסלאָוואַקיע; דייטשע דעמאָקראַטישע רעפובליק (מזרח־דייטשלאַנד) און אונגאַרן.

ווען די ישראל־דעלעגאַציע האָט זיך ארומגעזען פון וועמען עס באַשטייען די דעלעגאַטן, האָבן זיי דעם 18־טן אפריל פאַרלאָזט פוילן און נישט אָנטיילגענומען אין דער געטאָ־אַקאַדעמיע, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 18טן אַפּריל אין אָוונט, אין דער וואַשעווער פילהאַרמאָניע. דעם 19־טן אַפּריל 1978 האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים געטאָ־דענקמאָל אין וואַרשע אַלע יידישע קאָמוניסטישע דעלעגאַציעס און געלייגט בלומען־קרענץ מיט געהעריקע אויפשריפטן. דער איינציקער פאָרשטייער פון ישראל, וועלכער האָט געלייגט א בלומען־קראַנץ אין דעם טאָג איז געווען: סטעפאַן גראַיעק.

די ישראל־דעלעגאַטן האָבן געלייגט בלומען־קרענץ א טאָג פריער, פאַרן אָפּפאָרן קיין ישראל, ביים געטאָ־דענקמאָל, געמאַכט דעם אל מלה רחמים האָט דער בודאַפעשטער רבי פיטער קאַרדאַש, ווייל אין וואַרשע געפינט זיך נישט ביי היינט־צו־טאָג קיין איין ייד, וועלכער זאָל קאָנען אָפּריכטן די תפילה.

נאָכן פאַרענדיקן די דרייטאָגיקע פייערונגען, געווידמעט דעם 35־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט דאָס פרעזידיום פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פוילן איינגעאָרדנט אַ צונויפטרעף מיט די קאָמוניסטישע געסט פון אויסלאַנד.

די אַלע קאָמוניסטישע רעדנער, וועלכער זענען ארויסגעטראָטן אויף דעם אָוונט האָבן אונטערגעשטראָכן אין זייערע רעדעס: אַז דער באָיקאָט קעגן יידישן ישוב אין פוילן און קעגן דער פוילישער רעגירונג איז געבראָכן געוואָרן.

מיר די יידישע קאַצעטלער און קרבנות פון נאַציזם אין דער פרייער וועלט האַלטן, אז דער באָיקאָט קעגן דער פוילישער רעגירונג דאַרף איצט פאַרשטאַרקט ווערן.

י. אָרבאַך

# די וועלט — אין שפּיגל פון גערעכטיקייט

די וועלט אין 1978, מיט אירע מלוכות און נאַציעס, פרייע, טאָטאַליטאַרע, ווייסע, שוואַרצע, געלע און ברוינע, גייט אויפן וועג פון דעהומאַניזאַציע און אַנטימענטשלעכקייט; פאַרגעטערונג פון כח; ברוטאַלע מערדערייען, אולטימאַטיזם אין דענקען — מיט איין וואָרט — די וועלט גייט באַרג־אַראָפּ פון די מערב־ און מזרח־ציוויליזאַציעס אויף וועלכע זי האָט געבויט איר געזעץ און אירע עטישע פּרינציפּן. דער באַרג אַראָפּ באַווירקט דאָס קאָלעקטיווע טאָג־טעגלעכע לעבן.

די הויפּט־יסודות פון די צוויי בשותפותדיקע „באַפרייערישע" אידייען — דעם נאַציאָנאַל־קאָמוניזם און דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל ברענגען פאַר א קרבן שיכטן פון פעלקער און נאַציעס אויפן מזבח פון זייער עגאָאיסטישן אומברחמנותדיקן דעספּאָטיזם, בכדי צו צעשטערן די פרייע אַנטוויקלונג פון יחיד און ארייננקוועטשן דאָס פריידיקע און שעפערישע קאָלעקטיווע לעבן אין טויטע קאָמפּיוטער פאָרמען — ווערן צום באַדויערן — טיילוויז — (און צייטנווייז) דער מאָטאָ פון די היינטיקע וועלט־פירער, ספּעציעל ביי פירער פון די אָנטשטאַנענע פאַרביקע אומאָפּהענגיקע מלוכות — די אזויגערופענע 3־טע וועלט...

מיר שטייען פאַר א סכנה, אַז די בעסטע און אויפריכטיקסטע אָפּמאַכן און גאַראַנטיעס וועגן פעלקער־פאַרברידערונג און מענטשלעכע רעכט, מיט דער „יו־ען" אָדער אָן דער „יו־ען" וועלן נישט האָבן קיין שום ווערט אין אָנבליק פון די עקאָנאָמישע און מיליטערישע כוחות, וואָס טרייבן צו אַבסאָלוטיזם אין דער ענלעכקייט צום אַמאָליקן סטאַליניזם און היטלעריזם. דאָס טראָגט מיט זיך ברוטאַלע מאַכט־פּאָליטיק אָן שום עטישע פּרינציפּן, באַגלייט מיט שנאה און אומטאָלעראַנץ צו יחידים און פעלקער, וואָס זענען „מסכים — נישט מסכים צו זיין".

אוודאי איז שווער צו פאַרשטיין דעם דאָזיקן ברוטאַלן געשיכטלעכן גאַנג פון די „מאה ועשרים ושבע מדינות" מיט אזויפיל „אחשורוש'ס אין דער שפּיץ, עס איז אָבער נאָך שווערער צו פאַרשטיין, אַז אין אַזאַ טעכניש פאָרגעשריטענער אַנטוויקלטער צייט, זענען נאָך אַלץ פאַראַן די זעלבע געשיכטלעכע כוחות און איבערחזרונגען. גאָר שווער איז צו פאַרשטיין, פאַרוואָס עס איז נאָך אַלץ אַקטועל די נביאות פון דעם גרויסן רוסישן דיכטער אלעקסאנדער פּושקין, וועמענס פערזן וועגן מענטשלעכן מין האָבן זיך גוט ארייגעפּאַסט אין דער היינטיקער דעהומאַניזירטער „ציוויליזאַציע"... ער האָט געשריבן:

וו. יאַבלאָנסקי

# דער יידישער פאַווילאָן אין אוישוויץ

אין אויגוסט האָט דער פאָרזיצער פון וועלט־פאַרבאַנד פון יידישע געטאָ־קעמפער, פאַרטיזאַנער און קאַצעטלער אין ישראל — סטעפאַן גראַיעק, גאַנץ אומדערוואַרט באַקומען אַן איינלאַדונג, ווו ס'איז געווען בייגעלייגט אַן אומזיסטער פלי־בילעט קיין וואַרשע. דער האָלענדישער קאָנסולאַט, וועלכער פאַרטרעט די אינטערעסן פון פוילן אין ישראל, האָט אין נאָמען פון דער פוילישער רעגירונג, פאַרבעטן גראַיעקן צו קומען קיין פוילן, אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפשטעלן אַ יידישן פאַווילאָן אין אוישוויץ. פאַר די רעגירונגס־קרייזן אין ישראל איז די איינלאַדונג געווען אַן איבערראַשונג. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז גראַיעק פאָרט קיין וואַרשע. ווען סעטעפאַן גראַיעק איז אָנגעקומען אויפן פלי־פעלד אָקענטשע — האָבן אויף אים געוואַרט פאָרשטייער פון דער פוילישער רעגירונג, וועלכע האָבן גלייך אָפגעגעבן פאָלגנדע דערקלערונג:

„מיר דערלויבן נישט מער אַנטי־יידישע פובליקאַציעס, און מיר פאַרזיכערן, אַז אַזעלכעס וועט מער נישט זיין אין דער צוקונפט. מיר באַדויערן גאָר טיף די וואָקכאַנאַליע וועלכע איז געווען קעגן יידן אין די יאָרן 1967—1969 און היינט שעמען מיר זיך מיט דעם וואָס איז געשען“.

די געשפּרעכן מיט די פוילישע רעגירונגס־פאָרשטייער, זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אויפשטעלן אין בלאָק 27 אַ יידישן פאַווילאָן און אַ שטענדיקע מוזעאַלע אויסשטעלונג. אין פוילן האָט גראַיעק פאַרברענגט עטלעכע טעג און ארומגערעדט אַלע איינצלהייטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן פאַווילאָן. ס'איז אָפגערעדט געוואָרן מיט די פוילישע פאָרשטייער, אַז אַ דעלעגאַציע פון ישראל — פאַרטרעטער, רעפּרעזענטאַנטן פון יד־ושם און פון מוזעאום לוחמי־הגיטאות וועלן אָנטיילנעמען אין די אַרבעטס־זיצונגען פון דער געמיינזאַמער קאָמיסיע, וועגן פלאַנירן דעם כאַראַקטער פון יידישן פאַווילאָן.

פון פוילן איז סטעפאַן גראַיעק אָפגעפאָרן קיין נוי־יאָרק, ווו ער האָט פאַר די דאָרטיקע פאָרשטייער פון די קאַצעטלער־פאַרבאַנדן אָפגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיינע געשפּרעכן מיט די פוילישע רעגירונגס פאָרשטייער.

סטעפאַן גראַיעק איז אויך ארויסגעטראָטן אויף אַ גרויסן מיטינג פון עטלעכע טויזנט קאַצעטלער, פון דער שארית־הפליטה. ווען גראַיעק האָט דערציילט וועגן דעם אָפּמאַך מיט דער פוילישער רעגירונג, וועגן אויפשטעלן אַ יידישן פאַווילאָן אין אוישוויץ, איז ער געוואָרן פיינטלעך אויפגענומען פון די פאַרזאַמלטע. אין ישראל האָבן די אָנפירער פון די קאַצעטלער און פוןביידע מוזעאומס באַשלאָסן ווייטער אָנגיין מיט די געשפּרעכן מיט דער פוילישער רעגירונג און אָנטיילנעמען אין דעם אויפשטעלן פון יידישן פאַווילאָן אין אוישוויץ.

אַן אויסגעברייטערטע ישראל־דעלעגאַציע איז געקומען קיין פוילן, און ווייטער געפירט די פאַרהאַנדלונגען. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט די פוילישע פאָרשטייער, אַז אויף דעם עפנטלעכן דערעפענונגס־אַקט וועלן ארויסטרעטן 3 פערזאָן: אַ פוילישער מיניסטער, דר. נחום גאָלדמאַן — אין נאָמען פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און סטעפאַן גראַיעק, אין נאָמען פון יידישן וועלט־פאַרבאַנד פון די קאַצעטלער. דער וועלט־פאַרבאַנד האָט אויך באַקומען די רעכט איינצולאַדן דעלעגאַציעס פון די יידישע קאַצעטלער־פאַרבאַנדן אָנגעשלאָסענע אין ישראלדיקן וועלט־פאַרבאַנד. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די יידישע דעלעגאַציעס דאַרפן קומען גלייך קיין פוילן דעם 12טן אַפּריל 1978 און אָנטיילנעמען אין אַלע פייערונגען — איינגעשלאָסן די פייערונג צום 35־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וועלכער וועט פאָרקומען דעם 18טן אַפּריל אין וואַרשע. די ישראל־דעלעגאַציע האָט אויך באַקומען פון דער פוילישער רעגירונג אַ דערלויבעניש אָפצוהאַלטן אַ באַראַטונג פון אַלע יידישע קאַצעטלער־דעלעגאַציעס אין וואַרשע, אין דער צייט פון די פייערונגען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די באַשלוסן האָט דער קאַצעטלער און פאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד אין מעלבורן — אויסטראַליע, אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ דעלעגאַציע, וועלכע דאַרף אָנטיילנעמען אין די פייערונגען אין פוילן.

ענדע מערץ 1978 האָט דער היגער קאַצעטלער־פאַרבאַנד באַקומען אַ צירקולאַר אין וועלכן דער וועלט־פאַרבאַנד אין ישראל, איז מודיע, אַז דער טערמין פון דער דערעפענונג פון פאַווילאָן איז אָפגעלייגט געוואָרן אויף ענדע אויגוסט אָדער אָנהויב סעפטעמבער 1978.

וועגן דעם נייעם טערמין פון דער דערעפענונג פון פאַווילאָן וועלן מיר אייך מעלדן ענדגילטיק — שרייבט דער צירקולאַר נאָך די געשפּרעכן מיט דער פוילישער רעגירונג.

די ערשטע וואָך פון אַפּריל 1978, האָט דער פוילישער אַמבאַסאַדאָר אין פאַריז, צו וויסן געגעבן די פאָרשטייער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס ווי אויך די דעלעגאַציעס פון די מוזעאומס און וועלט־פאַרבאַנד פון די קאַצעטלער, אַז די עפענונג פון יידישן פאַווילאָן אין אוישוויץ וועט פאָרקומען דעם 12טן אַפּריל, און די ישראל־דעלעגאַציעס דאַרפן ווי אַמשנעלסטן קומען קיין פוילן.

אין גרויס איילעניש זענען די ישראל דעלעגאַציעס ארויסגעפאָרן קיין פוילן. די פלוצלינגדיקע ענדערונג האָט ארויסגערופן אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין וועלט־פאַרבאַנד. מען האָט נישט באַוויזן מודיע צו זיין די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס וועגן געענדערטן טערמין.

ווען די ישראל־דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין פוילן, האָט זי צו איר גרויסער איבערראַשונג — אָנגעטראָפן זיך מיט יידישע דעלעגאַציעס פון אַלע עקן וועלט. צווישן זיי האָט זיך נישט געפונען קיין איין קאַצעטלער־אָרגאַניזאַציע.

די גרעסטע דעלעגאַציע איז געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָס זענען געווען יידישע פאָרשטייער

# אַ דאַנק דעם אויבערשטן — זיי זענען שוין געקומען אויך נאָך מיר...

(דער נסתר)

די זעלבע שווערד האָט זיי פאַרשניטן: סיי די וועלכע האָבן צוגענאָגלט זייער נשמה צו דער פאַרבלוטיקטער פאָן פון באָלשעוויזם, און דערזען אין איר אַ זון וואָס גייט אויף און ברענגט ליכט און וואַרעמקייט פאַר דער וועלט — און סיי די, וועלכע האָבן זייערע נשמות געטראָגן איינגעשלאָסן אין זיך און נישט הויך גענוג געזונגען זייער לויב פאַרן פירער...

זיי אַלע האָבן פאַרמאָגט אַ בשותּפות׳דיקן שטריך, פון וועלכן זיי האָבן אפילו נישט געאַנט — האָבן זיי דאָך געהערט צו דער אַלפאַרבאַנדישער משפּחה פון סאָוויעטישע מענטשן. אָבער דאָס כיטרע, פאַרזשמורעטע אויג פון פירער האָט געזען ווייטער; דורכדרינגלעכער: ער האָט דערזען דעם שטריך: זיי זענען געווען יידן.

פון וועמען זשע זאָלן מיר אָנהויבן ציילן?

פון מאַקס עריק? פון איזי כאַריק? משה קולבאַק, איזאַק באַבעל? אָסיף מאַנדעלשטאַם? זעליק אַקסעלראָד? שלמה מיכאָעלס? פנחס כהנאָוויטש (דער נסתר)? איציק פעפער, דוד בערגעלסאָן? פּרץ מאַרקיש? לייב קוויטקאָ? בנימין זוסקין? — פון וועמען? און וואָס איז מיט די הונדערטער ווייניק באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע יידישע שרייבער, אַרטיסטן; מאָלער; קינסטלער, וועלכע האָבן פאַרבונדן זייער מענטשלעכן און יידישן טרוים פון אויסלייזונג מיטן קאָמוניזם אין זיין ראַטנפאַרבאַנדישן אויסדרוק?

פאַר זייערע פאַרדינסטן פאַרן ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיי באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען: דעם לענין־אָרדער; דעם אָרדן פון דער רויטער פאָן; דעם טיטל: פאַרדינסט־פולער אַרטיסט פון ראַטנפאַרבאַנד — און צום סוף אויך דעם סטאַלין־אָרדער: אַ קויל אין קאָפּ.

✶

וועגן גורל פון די יידישע שרייבער און אַרטיסטן, מיטגלידער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע, האָט מען זיך דערוווּסט ערשט דאַן, ווען די פינגער „ווי ווערים און פעט אַזוי" האָבן אויפגעהערט צו שטיקן די רוסלענדישע פעלקער.

ווען די, צום טויט־פאַרמשפּטע שרייבער האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט אויף דער פריי נישט ווייסנדיק וועגן דעם (אָבער שוין אויך אָן אילוזיעס) האָט סטאַלין אויפגעמאַכט אַ טירל און געלאָזט זיי אַריינקוקן אין דעם טייוולאָנישן פּלאַן זיינעם: דאָס איז געווען דער מאָרד איבער מיכאָעלסן. אים האָט אפילו נישט געאַרט, וואָס פּרץ מאַרקיש באַוויינט מיכאָעלסן, ווי לערמאָנטאָוו האָט אין זיין צייט באַוויינט פּושקינען; ווייל ביידע זענען דאָך אומגעקומען דורך פריער פאַרגרייטע פּלענער.

„דער לעצטער אויפטריט פאַרן פאָלק
צווישן בראָכשטיקער מיט שניי באַשאָטן,
נאָר — אָן דיין וואָרט, נאָר — אָן דיין קול
בלויז דיין פאַרקילטער אָטעם".

✶

אין אירע דערינערונגען פון יענע טעג, דערציילט די טאָכטער פון אַרטיסט בנימין זוסקין:

„פון 11טן ביזן 18טן יולי איז אָנגעגאַנגען א משפּט ביי פאַרמאַכטע טירן, און מיין פאָטער איז צוזאַמען מיט אַנדערע פּרעזידיום־מיטגלידער פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט פאַראורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף. דעם 12טן אויגוסט (1952) האָט מען אים דערשאָסן.

איינער פון די באַשולדיקטע אויפן דאָזיקן פּראָצעס, וועלכער האָט באַקומען א צען־יאָריקע תּפיסה־שטראָף און האָט דערלעבט אַרויסצוגיין אויף דער פריי — האָט דערציילט מיין מוטער, אַז יעדן פון די פאַראורטיילטע האָט מען געגעבן אַ לעצט וואָרט (מען האָט זיי באַשולדיקט אין פאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד) און אַז מיין פאָטער האָט אויף אַלע באַשולדיקונגען געענטפערט: איך ווייס פון גאָרניט. איך האָב געוווּסט נאָר איין זאַך: „מיין טעאַטער" (מיין פאָטער — דער יידישער אַקטיאָר. ירושלימער אַלמאַנאַך נר. 9, 1977).

די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז נישט בלויז אונדזער טראַגעדיע (הגם מיר זענען געווען די קרבנות) עס איז אויך אַ טראַגישע וואָרענונג פאַר דער מענטשהייט און איר צוקונפט. פאַרן גורל פון דער וועלט.

צי קאָן דאָס אָבער זיין פאַר אונדז אַ טרייסט?

מעם.

---

אויב שטשעראַנסקיס „חטא" באַשטייט פון — וועלן אַרויספאָרן, וועט מען משפּטן אלעקסאַנדער פּאָדראַבינעק פאַר נישט וועלן אַרויספאָרן (מ׳האָט אים געגעבן 20 טעג צו פאַרלאָזן ס׳לאַנד).

אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן סאָוויעטישן פאַרשוועכן דעם אָפּמאַך וועגן מענטשן־רעכט.

אין אמעריקאַנער קאָנגרעס וועט געפירט אַ שאַרפע קאַמפּאַניע פאַר סאַנקציעס.

צוויי (פון די דריי) קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אויסטראַליע האָבן אין שאַרפע ווערטער געטאַדלט די אויפפירונג פון דער סאָוויעטישער יוסטיץ, וועלכע איז (לויט זיי) קעגן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן.

צוזאַמען מיט דער פרייער, דעמאָקראַטישער וועלט שליסן מיר זיך אָן אין דער פּראָטעסט־אַקציע קעגן אָט די „אָפּשרעקונגס פּראָצעסן" און פאָדערן מ׳זאָל די פאַרמשפּטע באַפרייען.

סטאַליניזם זעט אויס — איז נאָך אַלץ דאָס „מאָראַלישע", אוממענטשלעכע פּנים פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

מ. א.

אונגעגן מיט אירע שכנים וועט פירן צו שלום, ווייל די פעלקער פון מיטעלן מזרח וועלן סוף־כל־סוף אויפמאַכן די אויגן און דערזען ווו און פון וואַנען עס דראָט די געפאַר פון פאַרלירן די אומאָפּהענגיקייט. (סאַדאַט האָט עס באַצייטנס דערשפירט...)

לבנון קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם קנויט, וואָס וועט אויפרייסן די ריזיקע מיליטערישע אַרסענאַלן אין דער וועלט, וואָס בעטן זיך ממש מען זאָל זיי נעמען נוצן.

דאָס וועט אָבער נישט זיין די שולד פון ישראל.

## אַ ניי פאַרזעעניש?

אויף דעם אויסטראַלישן פּאָליטישן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ ניי פאַרזעעניש, וואָס רופט זיך: „נאַציאָנאַלער פראָנט".

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך אויפן זעלבן האָריזאָנט באַוויזן אַ גרופּע נעאָ־נאַציס, אויסגעפּוצט אין היטלעריסטישן קלאָפּערגעצייג: האַקנקרייצן; ברוינע העמדלעך; באַטשוועקעטע שטיוול און די נאַצי־באַגריסונג.

אַ דאַנק דער אָרגאַניזירטער רעאַקציע פון דער יידישער געזעלשאַפט, האָבן די דאָזיקע עלעמענטן נישט באַוויזן צו ברענגען שאָדן (אַחוץ עטלעכע פאַרשמירטע געביידעס מיט נאַצישע לאָזונגען) אויסער דעם טומל און די רעקלאַמע, וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער סענסאַציע־הונגעריקער פרעסע.

דער „נאַציאָנאַלער פראָנט" איז נישט קיין ניי פאַרזעעניש. ער איז טעטיק אין ענגלאַנד, אַמעריקע און מערב־דייטשלאַנד. זיינע וואָרצלען שטעקן טיף אין דער נאַציסטישער בלאָטע.

נאָך איידער דער היגער „פראָנט" האָט באַוויזן אויפמאַכן ס'מויל, האָבן שוין די צייטונגען, די טעלעוויזיע, באַוויזן צו געבן אומזיסטע רעקלאַמע די עלעמענטן, ווייל... אַלץ איז נייעס. א פשיטה שוין — ווען די פּאָליצייִ האָט אַרעסטירט עטלעכע מענטשן אונטערן חשד, אַז זיי האָבן געוואָלט אויפרייסן דאָס הויז פון דעם נייעם „פירער".

די דערשיינונג פון „פראָנט" טראָגט נישט אזוי פיל געפאַר אין דער טעטיקייט פון „פראָנט" גופא — ווי אין פאַראייניקן די אַלע רעאַקציאָנערע, ראַסיסטישע עלעמענטן — וועלכע שאַפן דעם פינאַנסיעלן און מאָראַלישן באַזיס פאַר דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע גרופּן.

דער „נאַציאָנאַלער פראָנט" איז נאָר דער שפּיץ פון אייז־באַרג — און דאָס דאַרפן אין זינען האָבן אונדזערע רעפּרעזענטירנדיקע פאָרשטייער. אין דער ערשטער ריי — דער „באָאַרד אָף דעפּיוטיס".

## מענטשן־רעכט און — אומענטשלעכקייט

שוין עטלעכע יאָר, ווי אַ פאַרלאַמענטאַרישע סובקאָמיסיע פאַר אויסלענדישע ענינים, צענויפגעשטעלט פון פאַרלאַמענטאַריער פוןביידע פאַרטייען פירט אָן אויספאָרשונג וועגן מענטשן־רעכט אין ראַטנפאַרבאַנד, און ווי אזוי עס ווערן אין לעבן דורכגעפירט די באַשלוסן פון העלסינקער אָפּמאַך.

דערקלערונגען פאַר דער קאָמיסיע האָבן שוין געגעבן אָנגעזעענע וויסנשאַפטלער, עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן אליין מיטגעמאַכט די רדיפות קעגן „דיסידענטן": וויקטאָר פיינבערג און לעאָניד פּלושטש.

פאָרשטייער פון דער קאָמיסיע, די פאַרלאַמענטאַריער: ראָדזשער שיפּטאָן; דזשעק בירנער און באַרי סימאָנס האָבן זיך געטראָפן מיטן פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין קאַמבעראַ סאַפּריקין און זיי האָבן אים איבערגעגעבן אַ פּעטיציע, אונטערגעשריבן פון 38 דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן. די פּעטיציע דריקט אויס זייער פּראָטעסט קעגן דעם דויערנדיקן אַרעסט פון פּסיכיאַטאָר דר. סעמיאָן גלוזמאַן, און דאָס פאַרמשפּטן דעם דר. יורי אָרלאָוו.

סאַפּריקינס „חנעוודיקער" ענטפער איז געווען, אַז די טעטיקייט פון דער פאַרלאַמענטאַריער קאָמיסיע, איז אַ Pain in the Arts*

דער דאָזיקער וווּלגאַרער אויסדרוק פּאַסט זיך זייער גוט אריין אין דעם וווּלגאַרן יורידישן סיסטעם פון ראַטנפאַרבאַנד. די א. ג. „עפנטלעכע פּראָצעסן" (ווו עס ווערן נישט צוגעלאָזט קיין קאָרעספּאָנדענטן, קיין פריינד פון געמשפּטן) נאָר אַ געקליבענער פּובליקום טראָגן דעם כאַראַקטער פון די רוימישע גלאַדיאַטאָרן — שפּילן ווו דאָס פּובליקום פּאַטשט בראַוואָ (צום פּראָקוראָר) און העלפט די „ריכטער" ארויסטראָגן דעם אורטייל...

נאָר וואָס האָבן זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד אָפּגעשפּילט 3 אַזעלכע פּראָצעסן:

אין מאָסקווע האָט מען געמשפּט דעם יידישן אַקטיוויסט אַנאַטאָלי שטשעראַנסקי. אַלץ וואָס שטשעראַנסקי פאַרלאַנגט איז: מען זאָל אים ארויסלאָזן קיין ישראל, ווו עס געפינט זיך זיין פרוי.

באַשולדיקט האָט מען אים אין מלוכה־פאַראַט.

אין קאַלוגע האָט מען פאַר „אַנטי סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע" געמשפּט דעם שרייבער אלעקסאַנדער גינזבורג. זיין פאַקטישער „חטא" איז: ער פאַרוואַלטעט מיטן פאָנד, וועלכן ס'האָט איינגעשטעלט סאָלזשעניצין, פון פאַרקויף פון די „גולאַג"־ביכער. מיט דעם געלט האָט גינזבורג געהאָלפן די פאַמיליעס פון פאַרמשפּטע „דיסידענטן", וועלכע האָבן נישט פון וואַנען צו לעבן.

אין ווילנע האָט מען געמשפּט דעם לעטישן „דיסידענט" וויקטאָראַס פּעטקיס.

לויט „אַמנעסטיע אינטערנאַציאָנאַל" געפינען זיך אין סאָוויעטישע טורמעס 230 „קעמפער פאַר מענטשן־רעכט" לויטן אָפּמאַך, וועלכן רוסלאַנד האָט אין 1975 אונטערגעשריבן אין העלסינקי.

די נאָענטסטע פּראָצעסן ווערן דערוואַרט פון די ברידער פּאָדראַבינעק.

קיריל זיצט שוין אין לאַגער, און אַלעקסאַנדער וואַרט אויפן משפּט.

---

*) פשוט מאַמע־לשון הייסט עס: ווי א שפּליטער אין הינטן...

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

אַדרעס פון רעדאַקציע : "KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia.

יולי־אויגוסט, 1978 נומער 3 (14) מעלבורן, אויסטראַליע

## דער מיטל־מזרחדיקער ווולקאַן

געשיכטע און פּראָפּאַגאַנדע גייען זעלטן ארויס פון דער זעלבער הנחה, אַז: געשיכטלעכער אמת מוז זיין באַזירט אויף פאַקטישע געשעענישן. זייער אָפט (און אפשר דאָס רוב) ווערט געשיכטע „פּרעפּערירט“, עס זאָל זיך אריינפּאַסן אין פּאָליטישן סדום־בעטל.

אַ סך מאָל (ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרגאַנגענע צייטן) איז שווער צו געפינען די שייד־ליניע: ווו ענדיקט זיך די „רויע“ געשיכטע און ווו עס הייבט זיך אָן די „דיסטילירטע געשיכטע“.

לעבן מיר אָבער אין אַזאַ ראַשיקער צייט, ווו געשיכטע שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן און במילא קענען מיר קאָנפראָנטירן די צוויי עלעמענטן — כדי פאַר זיך אליין קלאָר מאַכן דעם גאַנג און אויסגאַנג פון די געשעענישן.

מען הויבט שוין אָן צו פארשטיין, אַז די פּאָליטישע ערד־ציטערנישן אין אַפריקע, ווי אין מיטעלן מזרח זענען דער רעזולטאַט פון דער לאַנגיאָריקער קאָלאָניאַלער הערשאַפט, וועלכע האָט זיך נישט גערעכנט מיט געאָגראַפישע באַדינגונגען, געשיכטלעכער און עטנישער ירושה פון די באַהערשטע פעלקער.

אויך די אומרואיקייט און צעטומלעניש אין מיטעלן מזרח האָט די וועלט צו פאַרדאַנקען די פראַנצויזיש־ענגלישע אפּוטרופּסים.

קעגנער פון מדינת ישראל, און אויך געוויסע פריינד (אָדער כלומרשטע פריינד) האָבן זינט דער 6־טאָגיקער מלחמה נישט אויפגעהערט צו געבן „קלוגע“ עצות דער ישראל־רעגירונג, זי זאָל זיך וואָס שנעלער צוריקציען פון די געביטן, וועלכע זענען אריינגעפאַלן צו ישראל אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, ווייל: נישט נאָר די עקזיסטענץ פון ישראל איז באַדראָט, נאָר מיר שטייען ממש ביים ראַנד פון אַ וועלט־מלחמה, פאר וועלכע ישראל וועט מוזן טראָגן די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אין ליכט פון די געשעענישן אין לבנון, האָבן זיך די „געשיכטלעכע פעסטשטעלונגען“ ארויסגעוויזן ווי ביליקע פּראָפּאַגאַנדע. אַנרירנדיק עמאָציאָנעלע סטרונעס, פאַרקריפּלט מען דערוויל געשיכטע.

דווקא אויף די גרענעצן פון ישראל, איז רואיק. אין לבנון שעכטן זיך אַראַבער אויס קעגנזייטיק. די פירער פון סיריע האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן דעם דעגאָליסטישן טרוים פון זיין אַ גרויסמאַכט; פון וועלן איינשלינגען לבנון.

אין מיטן פון בירגער־קריג, איז סיריע אריין קיין לבנון — העלפן די לבנונער קעגן די מיליטערישע אַספּיראַציעס פון דער פּ.ל.אָ.; שפּעטער — העלפן דער פּ.ל.אָ. קעגן די קריסטלעכע אַראַבער. נאָך שפּעטער: ווי אַן אַראַבישע שלום־האַלטנדיקע אַרמיי. אַלע מאַנעוורן האָבן דעם זעלבן ציל: באַזעצן לבנון, און מאַכן פון איר אַ סירישע פּראָווינץ.

פּאַראַדאָקס פון דער געשיכטע: דער וואַטיקאַן (וואָס האָט אָנגעווענדט אַ באַדייטנדיקן דרוק אויף ישראל, מ׳זאָל באַפרייען דעם געווער־שמוגלער, דעם גלח קאַפּוצי) טוט נישט אַריין אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער, צו העלפן דריי־פערטל מיליאָן קריסטן אין לבנון — קריסטן, וועלכע עס דראָט טאָטאַלע פאַרניכטונג. די קריסטלעכע לענדער האָבן אויך נישט קיין שלאָפלאָזע נעכט, צוליבן גורל פון דער קריסטלעכער מינדערהייט. דער איינציקער פאַרבינדעטער און דער איינציקער פריינד פון אַט די קריסטן — איז ישראל.

נאַטירלעך — הינטער סיריע שטייט רוסלאַנד, וועלכע האָט איר פאַרזיכערט פולע אונטערשטיצונג. אומעטום — ווו עס קומען פאָר פּאָליטישע רייבונגען צווישן פעלקער, זוכט רוסלאַנד (מעג עס זיין אַפריקע אָדער מיטעלער־מזרח) צו קאָנצענטרירן אין אירע הענט אַלע עקאָנאָמישע און מיליטערישע פעדעם. עס וועט קיינעם נישט איבעראַשן, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועלן איבער די גאַסן פון ביירוט נעמען מאַרשירן די קובאַנער זעלנער.

אין דעם דאָזיקן וועלט־געראַנגל שטייט אַמעריקע און זאָגט מוסר די סאָוויעטן: פע — שעמען זיי זיך, הער קאַזאַק...

עס וועט זיין זייער טשעקאַווע צו אָנקוקן די אַמעריקאַנער, ווען די רוסישע האַנט וועט צודרייען די נאַפטקראַנען פון מיטעלן מזרח: די אויטאָס און די פאַבריקן פון די אַמעריקאַנער וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין נוצלאָזע, מעטאַלענע גולם׳ס.

אַז דאָס איז דער ענד־ציל פון דער סאָוויעטישער עקספּאַנסיע אין מיטעלן מזרח, ווי אין אַפריקע — איז שוין היינט פאַר קיינעם קיין סוד נישט.

מאַכן מיר דעם לאָגישן אויספיר:

ישראלס שטעלונג צום ענין טעריטאָריעס און באַצי־

# מעלבורנער בלעטער


## אינהאלט:


מ. א. — דער מיטל-מזרחדיקער ווּולקאַן . . . . . . . 1

מעם — אַ דאַנק דעם אויבערשטן — זיי זענען שוין געקומען אויך נאָך מיר . . . 3

וו. יאַבלאָנסקי — דער יידישער פּאַווילאָן אין אוישוויץ . . . . . 4

י. אָרבאַך — די וועלט אין שפּיגל פון גערעכטיקייט . . . . . 5

יצחק קאַהאַן — שלום עליכם-שול צו נייע פאַרמעסטן . . . . . 7

י. מ. לעווין — „שיר השירים" אין אַ וואַגאָן-קופּע (דערציילונג) . . 9

* * * — דער פּאָעט און דאָס ליד . . . . . . . . 12

מאַרק אָליפאַנט — אַן אידעאַל פאַרן קיום פון מענטשלעכן מין . . . 13

יוסף סאָלוויי — דער „האָלאָקאָוסט" . . . . . . . . . 14

ד"ר עזריאל נאַקס — אַ בוך וועגן ספּינאָזאַ . . . . . . . . 15

סענדער בורשטין — באָיקאָט קעגן היטלער-דייטשלאַנד (אַ קאַפּיטל זכרונות) 17

מ. אייזענבוד — געזעגענונג (דערציילונג) . . . . . . . 20

ג. שאַיאַק — אויף די שליאַכן פון נעכטן... . . . . . . 21

י. אָרבאַך — פּראָפ. לערמערס באַזוך אין מעלבורן . . . . . 23

* * * — אין „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" פון וויקטאָריע . . . . 24

הערשל לוסטיק — אַ מתנה צו מיין בר-מצוה . . . . . . . . 25

רוטעלעס — גרויסער קולטור יום-טוב אין היגן ישוב (צום באַזוך פון לאה שלאַנגער און שמואל עצמון) 26

רחל בעקער — „מענטשן קאָנען לעבן" (הומאָרעסקע) . . . . . 27

ק. געטלער — "SERPENT'S EGG" (פילם-רעצענזיע) . . . . . . . . . . 28

* * * — שלום — און פלענער . . . . . . . . . 29


פּרייז 1 דאָלאַר


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נומער 3 (14) יולי–אויגוסט 1978